## דער

# אידישער מיניסטער

# ליפּאלד

Юрьевская Еврейская
библіотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№ 535

ערצעהלונג פון אַמאָליגע אידישע צרות אין דייטשלאַנד.

**פּרייז 2 סענט.**

פערלאַג פון

דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני,

128-122 לעאָנאַרד סטריט, ברוקלין, נויאָרק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

122-128 Leonard Street, Brooklyn, N. Y.

# דרייא נייע ביכער

## יעצט עבען ערשיענען!

## קין'ס צואה.

פון א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז א קריטיק איבער דיא מענשליכע פערדאָרבענהייט, אונד צייגט וויא וויים דער מענש איז בלוט-דורשטיג אונד אז ער שטעהט ניט פיעל העכער פון א ווילדעס טהיער, אונד אין דער זעלבער צייט איז עס א וויסענשאפט־ליכע ווערק, וועלכע מאכט אייך בעקאנט מיט פיעלע אינטערעסאַנטע זאכען.

**פרייז, 15 סענט.—פאָרטאָ פרייא.**

---

## ניקאָלאַי דער ערשטער.

פון נ. מ. שייקעוויטש.

א ראָמאַן פון דעם פערנאַנגענעם אונד נעגענווערטיגען אידישען לעבען אין רוססלאַנד, וואו עס ווערט געשילדערט מיט ריכטיגע פארבען דיא לעצטע אידישע צרות אונד פאָגראָמען וואס אידען זיינען אויסגעשטאַנען אין צאַרענלאַנד.

**פרייז, 10 סענט.—פאָרטאָ פרייא.**

---

## פאַוסט.

פאָן געטהע.

וועלכע איז א וועלט-בעריהמטע דראמא אונד א וועלט-בעריהמטע אָפּערא איז בעאַרבייטעט אין איין ערצעהלונג פאָרמע פון

א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז זעהר אינטערעסאַנט אונד יעדער אידישער לעזער וואס האט נאָך קיין מאָל געזעהען אויפשפּיעלענדיג דיעזע וועלט-בעריהמטע דראמא אין איין טהעאַטער, קען האבען א פאָלשטענדיגען בעגריף פון דיעזע קונסטווערק ווען ער לעזט דאס בייא זיך אין הויז.

**פרייז, 10 סענט.—פאָרטאָ פרייא.**

4-XIVA
20761
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:12873

для изученія евре... исторіи и литерат. Юрьевъ



## א.

## דיא יודען אין בראַנדענבורג.

דער קעניג „יאאכים דער צווייטער‟ וואָס האט רעגירט אין בראַנדענבורג פֿון יאָהר 1535 ביז דעם יאָהר 1571, האט נעגעבען זיינע ערלויבנים: דאס דיא יודען וועלכע מען האָט פֿארטריבען פֿון זיין לאַנד איהם יאהר 1510. מעגען צוריקקעהרען אין בראַנדענבורג און זייא האבען דאס רעכט זיך באַזעטצען אין אַלע זיינע שטעדט וועלכע זיינען פֿאראַן אין גאַנץ בראַנדענבורג; ער האט זייא פֿארזיכערט: דאס ער וועט זייא שיטצען פֿון אַלע זייערע פֿיינדע, אזוי וויא ער שיצט אַללע זיינע אונטערטהאַנען און זייא וועט קיין אונרעכט געשעהען, אויך קיין שלעכטעס חלילה געטהאָן ווערען, זייא וועלען קענען אין גאַנצען לאַנד רוהיג האַנדלען און מאַבען אלערלייא געשעפֿטען אָהנע הינדערניססע, אויך גאָט דינען צו הויזע און אין דיא אָפֿענע געבעט הייזער, נור ניט עפפענטליך אויף דיא גאַססען.

אין יענער צייט, האט דיא ערלויבנים—צו דינען גאָט אָהנע געשטערט צו ווערען נעהאַט אַ גרויסען ווערטה, ווייל אין אַנדערע לענדער האט מען זייא דאס ניט ערלויבט.

נור איין תּנאי האט דער קעניג אויסגענאָממען מיט דיא יודען: דאס זייא זאָללען איהם צאָהלען מס (פֿאָדאַט אַבגאַבען) אזויא וויא ער וועט בעשטיממען.

דיא יודען האָבען זיך שטאַרק נעפֿרייט צו הערען דיא גוטע בשורה, חאָטש זייא האָבען נאָך ניט נעהאַט פֿאַרנעססען דיא אלט מעשיות.... דיא גרויסע צרות וואָס זייא האבען געליטען אין בראַנדענבורג בעפֿאָר מען האט זייא אַרויס געטריבען פֿון דאָרט, זייא האבען גוט געדיינקט דיא גרויסע רדיפות (פֿערפֿאָלגונגען) וואס זייא האָבען געליטען אין לאַנד און ניט דוקא פֿון פּראָסטען פֿאָלק, נאָר פֿון דיא הערשער אַליין אויך, דיא הערשער פֿון לאַנד האבען דיא יודען געצאַפֿט זייער בלוט און געשריען געלד! געלד! אלערלייא בלבולים האבען דיא הערשער אויסגעטראַכט אויף דיא יודען, נור צו ליעב דעם צוועק: צו בעקאָממען געלד פֿון זייא, לסוף אז דיא הערשער האבען געזעהען: דאס דיא יודען ווערען אַללע טאָג רייכער און עס איז ניט מעגליך פֿון זייא אויס צו צאַפֿען און אויס צו זייגען אין גאַנצען, האט מען זייא פֿון לאַנד ארויסגעטריבען מיט חרפּה, געשלאָגען, געפּייניגט זייא, ביז זייא האבען געמוזט אַ גרויסע הויז אָפּגעבען פֿאר אַנ'עזעל, א פֿעלד—פֿאַר א לעבעל ברויט, א פֿאַבריק פֿאַר אַ מאָגערע בהמה. בייא דער גרענעץ האט מען דאָס אויך בייא זייא צוגענוממען און זייא זיינען קוים מיט זייער לעבען אנטלאָפֿען.... דאס אלס האָבען דיא יודען געוואוסט

און פון דעסטוועגען האבען זייא זיך שטארק געפרייט מיט דעם קענינגס ערלויבניס, זייא האבען זיך אליין געטרייסט מיט דיא האָפנונג: דאס יעצט וועט שוין בעסער זיין וויא א מאָל און דיא אלטע צרות וועט פארגעססען ווערען, ווייל דער קעניג וויל באזעטצען דאס לאנד און בראנדענבורג איז גענוג לאנג און ברייט און זייא דיא יודען, וועלען דאָרטען קענען מאכען דיא גרעסטע געשעפטען, זייא וועלען פיעל געלד פארדינען און וועלען דאָרט א שטארקע פאָלק ווערען און מנוחה מיט שלוה אויך זיכערהייט האט זייא דאָך דער קורפיסט יאאכים דער צווייטער פאר שפראָכען, געוויס וועט ער וואָרט האלטען, ווייל דער יאאכים איז געוועזן בעוואוסט פאר א מלך חסד, ער האט געהאט א נאָממען אלס „בארמהערציגער קעניג“ און זיין וואָרט איז בייא איהם געוועזן טהייער און הייליג אזויא וויא עס פאסט פאר א קעניג, דארום האבען זיך פיעל יודעלעך געלאָזט איינריידען און האבען געררייזט נאָך בראנדענבורג, זייא האבען זיך באזעצט אין אללע גרויסע שטעדט און האָבען אָנגעפאנגען מיט אללעס צו האנדלען אָהנע שום הינדערניססע און דאס איז שוין לאנג גלוי וידוע, דייטליך באוויזען: דאס דיא יודען האבען טאלאנט צו מאכען געשעפטען. זייא זיינען פעהיגע מענשען, צו וואָס זייא נעהמען זיך מאכען זייא פון קליין־גרויס, פון ביללינ־טהייער, פון בלאָטטע־גאָלד, פון שלעכטע סחורה־בריליאנטענע סחורה, פאר דיא יודען איז קיין זאך ניט צו שווער, מיט זייער שארפזין קענען זייא צו זאממען פיהרען א בארג מיט א בארג, א טהאָל מיט א טהאָל, ווייטע לענדער ווערען נאָהנט, דורך זייא ווערען פיעל מענשען גליקליך, עפפנען דיא אויגען וואס זייא האבען געהאלטען ביז יענעם טאָג פארמאכט, פיעל יודען זיינען אין א קורצע צייט רייך געוואָרען, מיט וואָס זייא האָבען געהאנדעלט, האט זייא מיט גאָטעס הילף אלס באגליקט און חאָטש דער קורפירסט האט אויף זייא ארויפ געלעגט א גרויסע שווערע לאסט, זייא האָבען איהם געמוזט פיעל „אבגאבען“ צאָהלען, פון אללע זייערע געשעפטען האט דיא רעגירונג גרויסע פראָצענטען גענאָממען, איז נאָך אללע הינדערניססע און בעשווערינקייטען זיינען פיעל יודישע סוחרים רייך און גרויס געוואָרען, דאס אין א קורצע צייט האבען זייא אללע בראנדענבורגער געשעפטען אין זייערע הענדע גענאָממען און אין אלערלייא פאכען האבען זייא געארבייט און אללע געגינשטענדע איז פאר זייא געוועזן ניט צו גרויס און ניט צו שווער און אומעטום (איבעראלל) זיינען דיא יודין געוועזן דיא ערשטע, קיין געשעפט איז ניט געמאכט געוואָרען אָהן א יודין, זייא האבען אויסגעזוכט געשעפטען פון אונטער דער ערד... און אָן אללע געשעפטען האבען זייא פארדינט פיעל מעהר וויא אנדערער וואָל דערמיט געהאנדעלט....

## ב.

## גיוואַלד וואו נעהמט מען געלד!

מענשען האבען פערשידענע האראקטערע: איינער למשל ליבט מלחמה האל־טען מיט זיינע ארומיגע שכנים און איינער זוכט א רוהיגען לעבען: איינער פארשווענ־דעט געלד אויף גרויסע הייזער צו בויען, גערטנער צו פפלאנצען און איינער ליבט קאַרטין שפילען, יעדער מענש האט א שטראסין (ליידענשאפט) צו אנאנדער תאוה... דער קורפירסט יאאכים דער צווייטער האַט ליב געהאַט אלץ צו זאממען, פאר איהם איז געווען אלץ א סחורה, ער האט ליעב געהאט בויען גרויסע און זעהר שטארקע פעסטונגען, וויא למשל דעם פעסטונג שפאנדויא (Spandau) ער האט אויך פיעל געלד פארשווענדעט אויף דיא מלחמה וואס ער איז נעגאנגען העלפען דעם קייזער קריג פיהרען נעגען דיא טערקען, ער האט גאַר ניט בארעכענט דאס דאדורך וועט דער עוצר זיינער ליידיג בלייבען אָהנע געלד, ער האט גאַר ניט געוואַלט וויססען פון דעם רעכנונג: דאָס ער קאָן אזויא פיעל געלד ניט פאר שווענדען אויף גרויסע בנינים, וויא ער האַט נעבויט אין בערלין און אין אללע זיינע גרויסע שטעדט, ער האט אויך נאַר אָהן א רעכנונג פיעל געלד פארשווענדעט אויף פערשידענע לוקסוס, ער האט אויך געפפלאנצט וויינגערטנער און שפאציר גערטנער, ער האט דאָרט געפפלאנצט אללערלייא טהייערע בוימער, פערשידענע בלוממען, אללער האנד פארבינע ריכענדע צוועטען. אויך אויף פיעל אנדערע פערגעניגען האט ער זעהער פיעל געלד פארשווענ־דעט, וואס זיין אויג האט געזעהען און וואס זיין הערץ האט געלוסט, האט ער אלס בעקאָממען, פאר איהם איז קיין זאך ניט צו טהייער געווען, אדער אונמעגליך, אויך פיר גאנץ קליינינקייטען און קינדער שפילצייג... האט ער גוטע געלד געצאהלט, ער האט געלאָזט זאממלען א טהיר־גאָרטען, דאָרטען האָבען זיך געפונען פיעלע ברואים וואס ניט אללע מענשען וויסען פון זייא, אויך אללערלייא בהמות, חיות, פויגעל, געווידמע, פיעל זאָרטען שלאנגען, פיעל מינים פישין, ים חיות, אללערלייא אפפען, (מאלפעס, אבעזאנעס) אויך דיא טהייערסטע קאָסטבארעסטע חפצים וואס געפינען זיך אויף דער וועלט, לסוף האט ער זיינע אויגען געעפענט און געזעהען דאס זיין אוצר איז ליידיג, ניטאָ קיין איינציגער פפעניג, ער האט ניט געוואוסט וואס פאר א עצה זיך צו געבען צו פאר בעסערען זיין לאגע. ער האט אויך ניט געקאָנט האָפפען אויף בעססערע צייטען, ער האט נענוג געקלערט און געטראכט און האט ניט געקאָנט ארויסזעהן פון וואנען זיין הילף קאָן קוממען און האט ניט געקענט פאללען אויף דעם פלאן וויא אזויא ער זאל קעננען זיין אוצר אָנפיללען מיט געלד.

**ויהי היום, איינעס טאגעס, איז דער קורפירס געזעסען און האט געטראַכט....**

פלעננער זיך געמאכט וויא אזויא אַנצופיללען זיין אוצר, און האט מיט זיך אליין גע־רעדט: „געוואלד, וואו נעהמט מען געלד"! נאָר טראכט היינט, טראכט מאָרגען, קלעהר אהין קלעהר אהער, נימאָ קיין עצה חאָטש צורייס זיך....

„אַ פינאַנץ מיניסטער", וואָס זאָל זאָרגען פאר דעם אוצר איז אין יענער צייט ניט געוועזן אין לאנד, אזויא וויא היינט איז איינגעפיהרט אין אללע לענדער, דיא שולדינקייט איז געלעגען אויף דעם קעניג, ער אליין האט געמוזט פאר אלץ זאָרגען.

דער קורפירסט איז זיך געזעסען אויף זיין שטוהל, מיטביידע הענד אונטער־געשפּאַרט זיין קאָפּף, געזעסען און געקלעהרט, טראַכטענדיג איז איהם איינגעפאללען אַ נייע עצה און האט צו זיך אליין געזאָגט: „און דיא יודען? איך האב דאָך אזויא פיעל רייכע יודען אין מיין לאנד, זייא מאכען דיא גרעסטע עסקים, אללע מסחרים זיינען בייא זייא אין דיא הענד, זייא טהוען וואָס זייא וויללען און וויא זייא געפעהלט, קיין מענש ריהרט זייא ניט אָן צום שלעכטען, נוא...." האט ער וויי‏טער מיט זיך אליין גערעדט, פאר וואָס זאָללען זייא ניט וועללען העלפען דאס לאנד אין אַ צרה, פאר וואָס זאָללען זייא מיר ניט בייאשטיין חאָטש איין מאָל אין אַ נויט?! איך וועל מיך פּרובירען ריידען מיט זייא, הערען וואָס וועלען זייא מיר אנטוואָרטען, אי וואָס? פיליי‏כט קענען זייא דאָס ניט טהון, אָדער זייא וועלען קיין חשק ניט האָ־בען דאָס צו טהון... אויף יעדען פאלל קאָן מיך קיין שאדען ברייננען צו ריידען מיט זייא דערפון, איך וועל דאָך דאדורך גאָר נישט פארלירען, איך וועל זעהען פיליי‏כט וועל איך דורך זייא געהאלפען ווערען, אולי ירחם... אַ קשיא אויף אַ מעשה.."

אין דעם זעלבען טאָג האט דער קעניג אָנגעפאנגען צו טהון דאס וואָס ער האט געטראַכט, יעצט האָפּפע איך—האט ער צו זיך אליין געזאָגט—דאָס פון היינט אָן וועל איך שוין ניט ברויכען שרייען: „געוואלד, וואו נעהמט מען געלד"! עס וועט שוין אלץ גוט ווערען!...

ג

## דער שני למלך.

אין בערלין האט געוואָהנט אַ יוד, זיין נאָממען איז געוועזן „ליפּפאלד" ער איז פארטריבען געוואָרען פון דער שטאָדט פראָג *) און פון דאָרטען איז ער געקומען אין

*) איך האב ניט געפונען קיין ריכטיגע קוועללע פאר וואָס ער איז פון פראָג פארטריבען געוואָרען און אויב נור ער אליין אָדער נאָך אנדערע יודען מיט איהם צו זאממען, וויא דיא מאָדע איז דענסטמאָל געוועזן ארום צו יאָגען דיא יודען פון איין לאנד צו דיא צווייטע... און פיליי‏כט האָט ער געזעהען דאס דיא יודען אין בראַנ־דענבורג מאכען גוטע געשעפטען איז ער אויך אהין געקוממען זוכען „גליק" מיט זיין איינענעם גוטען ווילען.

בראנדענבורג זיך באשיטצען אונטער דיא פלינעל פון דעם בראנדענבורנער קורפירסט יאאכים דער צווייטער, דער ליפפאלד איז גענוועזען געבילדעט און א גרויסער חכם אין פיעל וועלט געשעפטען און דורך פערשידענע צופעללע האט דער קעניג פון איהם געהערט דאס ער איז זעהר א קלוגער און א פראקטישער מענש און וואס ער טהוט באגליקט ער, האט דער קורפירסט געשיקט רופען איהם, ליפפאלד איז באלד געקו־מען, בייא דיא ערשטע עטליכע ווערטער וואס דער קורפירסט האט מיט איהם גע־רעדט, האט ליפפאלד חן געפונען אין דעם קעניגס אויגען, דער קורפירסט האט איהם זיין האנד געגעבען צום צייכען דאס ער האט איהם שוין ליעב בעקומען און האט צו איהם אזויא געזאגט,

— איך האב געהערט, ליפפאלד, דאס דוא ביזט א גרויסער חכם אויך א פראקטישער מענש, וואלט איך פון דיר פערלאנגען דאס דוא זאלסט מיר צייגען דיין חכמה און מיר געבען דיין גוטע און קלוגע עצה וויא אזויא איך זאל געלד בעקומען צו קענען באצאהלען מיינע חובות און אן פיללען מיין אוצר מיט געלד, זאג ליפפאלד! האט דער קעניג פריינדליך געזאגט, האסטו א פלאן מיין וואונש צו ערפיללען? —צו פיעל כבוד פאר מיר, האט ליפפאלד געאנטוואָרט און זיך טיף פארנייגט, נור דיין פערלאנג, גרויסער קעניג, איז בייא מיר גערעכענט אזוי גוט וויא א באפעל, איך וואלט האבען א גוטע עצה דיין וואונש צו ערפיללען, נור איך האב מורא דאס איך זאל דער בייא ניט האבען גרויסע הינדערניססע. עס וועלען זיך געפינען פיעל שטערער בייא דער זאכע...

— ווער האט דאס רעכט מיין וואונש און פערלאנג צו שטערען, האט דער קעניג געזאגט א ביסעל מיט א פערדרוס, וואס פאר הינדערניססע קאן דער בייא זיין? ווער וועט דאס זיך אונטער שטעהען מיין וואָרט צו וועלען ענדערען און מיין באפעל ניט צו ערפיללען? — ווען דוא גרויסער הערשער, ווערסט מיר געבען דיינע ערלויבנים און דייטליך זאגען: דאס איך האב דאס רעכט צו טהון וויא איך וויל און וויא איך פארשטייא, האט ליפפאלד געזאגט, דענסטמאָל וועט קיין מענש ניט שטערען און עס וועט מעהר קיין הינדערניססע ניט זיין און איך ווייס געוויס דאס איך וועל קענען ערפיללען, גרויסער קעניג, דיין אוצר מיט זילבער, גאָלד און טהייערע שטיינער, דוא, קעניג, וועסט מיט דיינע אויגען זעהען און זיך פרייען, איך ברויך נור האָבען פון דיר, א פאָלמאכט אזויא וויא איך האב דיר, גרויסער קעניג, געבעטען.—מיין, וואָרט, האָט דער קעניג געזאָגט, איז דער בעסטער פאָלמאכט, איך גיב דיר רשות (ערלויבנים) צו טהון אין גאנצען לאנד וויא דוא פארשטעהסט און וויא דיר וועט געפעללען זיין צו טהון לטובת המדינה, וועט זיין געטהון: אין דיין האנד גיב איך אָב מיין אוצר

דאס דוא זאָלסט איהם אָנפיללען מיט געלד אזויא וויא דוא האסט געזאָגט און דוא בלייבסט מיין געהיימראטה און קיין מענש האט דאָס רעכט צו ריידען אויף דיר א שלעכט וואָרט.—אויב אזויא האט ליפפאלד געזאָגט, קאָנסט דוא, אדוני המלך, גאַנץ רוהיג זיין און קאָנסט גלויבען מיין הבטחה דאָס אין א קורצע צייט ווערסט דוא זעהען דיין אוצר פול מיט געלד.—איך גלויב דיר, האט דער קעניג געזאָגט און איך פארלאָז מיך אויף דיר דאס דוא ווערסט טהון אזויא וויא דוא פארשפּרעכסט מיר און איך וועל דיך מיט פיעל גומעס בעלאָהנען, דוא בלייבסט בייא מיר אין פּאלאַץ, וויא לאַנג מיר וועלען לעבען ווערסט דוא זיך פון מיר ניט שיידען, דוא ווערסט שטענדיג זיין בייא מיין רעכטע האנד, איך יועל דיך אזויא גרויס מאכען, דאָס פיעל מענשען וועלען דיך מקנא זיין און דוא ווערסט זעהען וואס א קעניג וויא איך קאָן א מענשען גליקליך מאַ-כען, גערה, ליפפאָלד, נעהם דיך שנעל צו דער ארבייט, מיט דיא גרעסטע אונגעדולד ערוואַרטע איך דיא קורצע צייט וואָס דוא זאָגסט, מיין גאַנצע האָפפנונג איז יעצט אויף דיר, מיט דיין הבטחה האסט דוא מיך מחיה געוועזן, יעצט בין איך רוהיג און זאָרג מעהר ניט.—נאָך בעססער וויא דוא, גרויסער קעניג, האָפפסט, האט ליפפאלד געאַנטוואָרט, ווערסט דוא קירצליך זעהען, דוא ווערסט זיך אליין ניט גלויבען וואָס דיינע אויגען וועלען זעהען, א פוללען אוצר מיט זילבער, גאָלד און אבנים טובות, איך גערה יעצט זיך נעהמען צו דער ארבייט און חאָטש זיא איז גענוג גרויס און שווער, נור איך האָפפע צו טהון לטובת המדינה מיט אללע מיינע קרעפטע און וועל אלס אויף דעם בעסטען אָרט ערפיללען.

— גערה און באַגליק! האט דער קעניג געזאָגט און אויב דיר וועט געראָטען צו טהון וויא דוא זאָגסט בלייבסט דוא בייא מיר דיא צווייטע האנד, דאס הייסט: שני למלך!

## ד

## ליפפאלד אין קעניגליכען פּאלאַץ.

אין יענעם טאָג וואס דער קעניג האט גערעדט מיט ליפפאלדן—דאס איז גע-וועזן דער צעהנטער אין פינפטען חדש אין יאָהר 1558 נאָך דעם קריסטליכען רעכנונג —אין יענעם טאָג האט ליפפאלד פערלאָזען זיין הויז וואס איז געוועזן געבויט אויף דער שטראלויער גאַס און האט זיך אריינגעקליבען אין קעניגס פּאלאַץ, כדי ער זאָל זיין נאָהנט צו איהם און דענסטמאָל וועט ער איהם קענען העלפען צו יעדער צייט צאָהלען געלד.

ליפפּאלד איז געוואָרען בייא דעם קעניג אין פּאלאַץ א גאַנצער בן-בית, קיין

מענש האט ניט נעהאט דאס רעכט איהם צו פרעגען: וואס טהוסט דוא? און פאר וואס טהוסט דוא אזעלכע שרעקליכע מעשים, אמתע גוואלדיגע זאכען און באמת האט ליפפאלד גרויסע מעשים פאר פיהרט און וואס ווייטער אלץ מעהר און ערהא־בענער נעטהון און דארום וואס מעהר ער האט אויפגעזוכט פלעננער וויא אזוי געלד זאממלען און וואס מעהר ער האט איהם אללערלייא פערגעניגען פערשאפט און וואס מעהר דער אוצר איז פול געווארען מיט גאלד, זילבער און קאסטבארע שטיינער, דעסטא מעהר האט דער קעניג ליעב בעקוממען דעם ליפפאלד, ער האט איהם פיעל כבוד נעגעבען און דער נאממען „ליפפאלד" איז גרויס געווארען און חאטש דער קעניג האט געוואוסט דאס ליפפאלד ליבט זעהר זיינע ברידער, דיא יודען און זוכט פאר זייא גוטעס צו טהון, ער באנגינגענד זיך ניט דער מיט וואס דער קעניג האט זייא פאר גרינגערט דיא אבגאבען, נור ער זוכט מיטלען און פערלאנגט דאס דיא יודין זאללען האבען גלייכע רעכטע מיט אללע איינוואהנער, איין געזעטץ — ווינשט ער— זאל זיין פאר אללעמען גלייך, פאר דעם פרעמדען וואס איז ניט לאנג געקוממען וואה־נען אין לאנד, אזויא וויא פאר דעם געבארענעם אין לאנד, ראך האט דער קעניג איהם יעדען טאג ליבער בעקומען און ליפפאלד האט פאקטיש בעוויזען: דאס דיא יודין בריינגען פיעל נוטצען אין לאנד, צאהלען גרויסע אבגאבען און זיינען שטענדיג בערייט צו שיטצען דאס לאנד מיט זייערע בלוט, מארך און אויך מיט זייער גאנצען פארמעגען, ער האט אויך איבערציינט דעם קעניג פון דעם יודישען חאראקטער, ווען איינער גיט איהם איין האאר, גיט ער יענעם אפ דעם גאנצען קאפף און ווערט א געטרייער אונטערטהאן וואס וואלט זיך לאזען מקריב זיין זיך אויך זיין פרויא און קינדער פיר דעם קעניגס גליק, אום איהם צו טהון א נחת רוח, וועט דער יודע לויפען אין פייער און אין וואססער.

ליפפאלד האט פיעל מאל ארויסגעוויזען זיינע פאטריאטישע געפיללע פיר דעם קעניג און חאטש פיעל מענשען האבען אין זייערע הערצער געלאכט פון ליפפאלדען פאר וואס ער האלט פון דיא יודען און פאר זייא שטאהל און אייזען, אויך פיעל יודישע פאדראטציקעס וואס זיינען דורך ליפפאלדס עמפפעללונגען בעקוממען א דריסת הרגל (איינגאנג) אין פאלאץ און האבען דארט גקשמאקע געלד פארדינט, אפילו זייא האבען אויך פון זיינע פאטריאטישע געפיללע געלאכט, נאר בייא דעם קעניג האט ער יעדעס מאל מעהר ליעבע און צוטרויען געוואהנען, אללע זיינע ווערטער זיינען דעם קעניג געפעללען געווען, אויף אלץ וואס ליפפאלד האט געזאגט, האט דער קעניג נעאנטווארט „אמן", ער האט זיך געטראכט: רייד וואס דוא ווילסט און טהוע וויא דיר געפעלט נור זאממעל געלד, וויל געלד ברויך איך און ווייטער, אויסער געלד

איז גאָר נים מיין עסק, קיין זאַך געהם מיך נישט אָן, נור געלד און ליפּפּאָלד האָט ווירקליך אזויא פיעל געטהון פיר דעם קעניג און פיר דיא יודין דאס ער האָט זיך געקויפט פריינדע, דיא קלוגע אָרדענטליכע מענשען, חאָטש זייא זיינען וויינינ, נור זייא האבען איינגעזעהן דאס ליפּפּאלד טהוט אללע זיינע מעשים ניט צו ליעב זיך, נור צו ליעב זיין קעניג, דאס לאנד, און נאָך מעהר צו ליעב מענשען—פריינדשאפט, בייא איהם זיינען געווען אללע מענשען גלייך, ער האט אללע בעשעפּעניש געליעבט, און דארום האט ער גערעכענט דאס דיא יודען זיינען אויך גאָטטעס באשעפּניש און זייא ברויכען לעבען און מפרנס זיין זייערע פרויען און קינדער, צו דיזען צוועק האט ליפּפּאָלד אללע זיינע קרעפטע אנגעווענדעט, נור לײדער ניט אללע האָבען פארשטאַנען זיינע גוטע מעשים, דער צו איז ווידער פאראַן פיעל מענשען וואָס פארשטעהען יאָ, נור זייא ווילּלען נים פארשטיין, זייערע הערצער זיינען הארט אזויא וויא אייזען, זייא קענען אליין קיין גוטעס טהון און ווילען ניט ליידען ווען אנאנדערער טהוט גוטעס, דארום האט ליפּפּאָלד דורך זיינע גוטע מעשים אויך פיעל פיינדע זיך געקויפט, גרויסע שונאים וואס האבען איהם געוואָלט אָפּשאַפען פון דער וועלט.... שלעכטע מענשען ניבט זעהר פיעל, פיעל מעהר וויא גוטע, דיא שלעכטע מענשען ווילּלען נים וויססען פון דעם וואָרט „רעכט״ אָדער „מענשען ליעבע״ זייא האבען ליעב נור זיך און וױנשען צו ירשענען דיא גאנצע וועלט, אלס געהערט נור צו זייא און דער צווייטער מעג דיא כפרה איינגעהמען, איז דאָס גאָר נים זייער עסק, אבי זייא זאָללען האבען, אבי זייא זאָל גוט זיין, אבי זייא מיט זייערע ווייבער און קינדער זאָללען אללע פערגעניגען גע־ניסען און דער צווייטער? זאָלל ער האָרעווען מיט שוויים און עססען א שטיקעל טרוקענע ברויט מיט א ביסעל קאלטע וואססער און זיין האָרעוואַניע זאָל ער אָבגע־בען דיא וואָס ווילען נים האָרעווען, דען צו וואָס ברויך ער געלד אָדער אנדערע פער־נינען? נענוג פאר איהם דאס ער לעבט, אָט דיא שלעכטע חאראקטערלאָזע מענשען ווען זייא זעהען דאס איינער טהוט יאָ גוטעס פאר דעם צווייטען, ווערען זייא איהם א שונא און זוכען מיטלען איהם אונגליקליך צו מאַכען און דער זעלבער פאל איז דאָ געווען מיט ליפּפּאָלדען, נור דער קעניג יאאכים, דער גוטהערציגער מענש און נאָך עטליכע גוטע מענשען האבען דעם ליפּפּאָלד פיעל כבוד געגעבען און געשעצט אללע זיינע גוטע טהאטען וואָס ער האט געטהון פאר דאס לאנד בכלל און איינצעלנע מענשען בפרט.

### ח.

### דער ערשטער בלבול.

אזויא וויא גוטע ריכענדע עהל האט זיך געהערט ליפּפּאָלדס נאָממען, אללע

יודין האבען געוואוסט: דאס ער האט ליב זיין פאלק ישראל און ניט נור דוקא דיא גבירים אזויא וויא דער שטיינער פון דיא וועלט איז נור דיא ארעמע לייט אויך, וויא פיעל ער האט נור געקאנט טהון פאר זייא גוטעס, האט ער געטהון אהנע א שלעכטע מחשבה חלילה, וויא אנדערע מענשען טהוען נור צו ליעב זיך אליין.... ער האט געמיינט עהרליך אהנע שלעכטע געדאנקען דאס אבער האט איהם ניט געשטערט צו ארבייטען פלייססיג פיר דאס לאנד און צו זאמלען פיעל געלד אין אוצר המלך.

אין דעם יאהר 1564 האט ליפפאלדן געלונגען צו בעקוממען א בעפעל פון קעניג דאס ער ערלויבט דיא ארעמע יודען צו צאהלען זייערע בעשטימטע אבגאבען ביסלעכווייז, נאך זייערע כחות נאך, מען זאל זייא ניט צו פיעל דריקקען, מען זאל בייא זייא ניט צו נעהמען דאס לעצטע ביסעל ארעמקייט, כדי זייא זאללען קענען מפרנס זיין זייערע פרויען און קינדער, דער באפעל לויטעט; דיא ארעמע יודען זאללען צאהלען דיא אבגאבען ניט וויפיעל זייא ברויכען צאהלען נור וויא פיעל זייא קענען *).

דורך דעם נייעם באפעל האט זיך ליפפאלד פיעל נייע שונאים געקויפט, בלוט פיינדע, אבער פריינדע זעהר ווייניג, דיא פריינדע האבען איהם גאר נישט געצייגט, ניט קיין גוטעס, אפילו ניט קיין פריינדליכען ווארט געזאגט, גלאט אזויא.... פאר וואס ניט?.... דוא טהוסט גוטעס, טוה, ארבייט פאר אונז, מיר נעהמען עס אן זעהר גערען, דיא פריינדע זיינען פון וויטען געשטאנען און הנאה געהאט, דיא פיינדע אבער, האבען געזוכט מיטלען וויא אזויא פון איהם פטור צו ווערען און אז דיא פיינדע האבען געזעהען דאס ליפפאלד זוכט זיך אלערלייא מיטלען צו זאמלען פיעל גאלד און זילבער אין קעניגליכען אוצר און ער האט געווארפען א אויג אויף אלע מענשען וואס געפינען זיך אין לאנד, ער קוקט בייא יעדען מענשען אריין טיעף אין אללע זיינע געשעפטען און זוכט זיך אויס נייע קוועללע וואו געלד צו שעפען, אזעלכע קוועללע וואס דער קעניג וואלט קיין מאל גאר ניט געקלעהרט און ניט געפאללען צו זוכען דארט, זיינען איהם דיא פיינדע זיינע נאך גרעססערע פיינדע געווארען, זייא האט נאך מעהר און שטארקער פארדראסען אז זייא האבען געזעהען דאס וואס ליפפאלד טהוט באגליקט ער און וואו ער געהט איז איהם נאט מצליח און באמת האט ליפפאלד טאקע געזוכט און געפונען פערשידענע געגענשטענדע וואס דאדורך זאל ער קענען אנפיללען דעם קעניגס אוצר מיט גאלד און וואס מעהר ער האט געלד געזאמעלט האט עס

*) דעם באפעל (אוקאז) קאן מען נאך היינטיגען טאג לעזען, ער ליגט אין ארחיוו אין דער שטאדט קעלן, א יושר וואלט געוועזן דאס דיא קעלנער משכילים זאללען זיך מטריח זיין צו נעהן אין דעם ארהיוו אויפזוכען דעם „אוקאז" און אבקר־פירען ריכטיג, ווארט אין ווארט און אריינשיקען אין א יודישע צייטונג לזכרון עולם.

אלץ מעהר דיא שרים פארדראססען, זייא האבען אנגעפאנגען זוכען בלבולים אויף איהם, אויף מיטלען וויא אזויא פטור צו ווערען פון איהם, עס איז נור שווער דער ערשטער בלבול, נאכהער געהט עס שוין וויא געשמירט, דער ערשטער בלבול זייערער אויף ליפפאלדן איז געווען: דאס ליפפאלד פיהרט דיא חשבונות (רעכנונגען נים אזויא ריכטיג, נאכער האבען זייא געזאגט. דאס ער ניט אויס צו פיעל געלד פאר דעם קעניג, וואס מען קאן זיך באנגעהען אהנע דעם און נאך ווייטער האבען זייא געמורמעלט, דאס זיינע אויסגאבען פיר דעם קעניגס הויז איז נים מעהר אויס צו האלטען אונמעגליך צו ערטראגען, ער מאכט דאס לאנד ארעם, ער בערייסט אלע קנעכט, ער ציהט פון זייא זייער הויט אראפ אהנע יושר און אהנע רחמנות; נאך דעם זיינען שוין געגאנגען בלבולים אויף איהם אהנע אויפהער. א בלבול נאך א בלבול זיינע שונאים האבען זיך נים געשעמט עפפענטליך צו זאגען, דאס דער יודע ליפפאלד ציינט נאר א חשבון פון זיין הוצאה (אויסגאבע) אבער ניט פון דער הכנסה (איינ-נאהמע) דיא גרויסע דאחאדען בלייבען בייא איהם פאר זיין איינענטהום... ער ווערט יעדען טאג רייכער פון קהל'שע בלוט און שיים... אויף אין דעם פאבריק וואס שטעהט אויף דעם הויף פון דעם געבעט הויז „גרויען קלאסטער" איז אויך אונארדנונג, אויך פון דארטען ציינט ליפפאלד נור דיא אויסגאבען אבער נים דיא איננאהמע, בכן דארף אזא מענש פארפאלגט ווערען ביז מען וועט פון איהם פטור ווערען....

ו

## ער האט זייא באצאהלט.

היא גרויסע שנאה צו ליפפאלדן איז יעדען טאג גרעססער געווארען, ביז זיא איז גאנץ גרויס געווארען, אלע שרים האבען געמאכט יד אחת, דאס הייסט: איין בונד צו פערניכטען דעם יודע ליפפאלד און אויך אלע זיינע גלויבענס ברידער, בייא דיא שרים איז געבליבען א פעסטער בעשלוס: דאס זייא זאלען זוכען אלערלייא מיטלען וויא אזוי דיא יודען צו הרגענען אדער זייא ארויסטרייבען פון לאנד זייא האבען זיך בעראטהען, דאס יעצט איז אונמעגליך צו צעפענען דיא יודען, עס וועט נאר נישט העלפען, זייא האבען נור איינער צו דעם אנדערען געזאגט; נישט קשה, עס וועט קומען א טאג וואס ליפפאלד וועט אריין פאללען אין אונזערע הענד און דעמסט-מאל וועלען מיר זיך מיט איהם אפרעכענען, מיר וועלען איהם ציינען וואס מיר קע-נען... מיר וועלען דעמסטמאל אויף דיא יודען קיינע רחמנות נים האבען, אונזער גאנצע בימערע הערץ וועלען מיר אויסלאזען צו זייא, און דיא גוטע צייט וועט לאנג נים דויערען, מיר וועלען דאס קירצליך זוכה זיין צו זעהען און זיך פרייען אויף זיין

מפלה און אז ליפפאָלד האט געזעהען דאס דיא שרים האבען איהם פיינד און האט גוט געוואוסט דאס זייא פעראַכטען איהם אין זייער הערצען און זוכען אויף איהם אלערלייא בלבולים, האט ער זייא באַצאָהלט מיט שנאה, ער האט זייא מבזה געווען און האט זייא אויך געערגערט, אין דער צייט וואס זייא זיינען געקומען צו דעם קעניג איהם אָבגעבען זייערע ראַפּאָרטען, האט זייא ליפפאָלד דענסטמאָל געלאָזט א לאנגע צייט ווארטען בעפאָר ער האט זייא צו געלאָזען צו זעהען דעם קעניג, זייא האבען ניט געהאט קיין רשות אריין צו געהן צו דעם קעניג אָהנע דיא ערלויבנים פון ליפּ־פּאָלדן, זייא האבען געמוזט ווארטען ביז ער האָט זייא גערופען און האט זייא מודיע געווען דאָס דער קעניג רופט זייא, דענסטמאָל זיינען זייא אריין געגאנגען אין קעניגס ווארטע זאאל אום מיט איהם צו ריידען, נוא האט זייא דענסטמאל ליפפאָלד געטהון להכעיס און פלעגט דעם קעניג ניט מעלדען פון זייער קומען, יענע מיניסטאָרען האָבען געוואוסט דאס ליפפאָלד טהוט זייא להכעיס, האבען זייא זיך גאנץ שטארק גע־קריינקט און דיא שנאה איז גאנץ גרויס געוואָרען אין חאָטש ליפפאָלד האט זייא אפילו א טויזענדע טהייל ניט באצאָהלט וויא פיעל זייא האָבען פארדינט בייא איהם, אָבער דיא קליינע בעליידיגונג האט זייא אויך געברענט וויא א גרויסער פייער און אללע שרים האבען זיך שטענדיג מיישב געווען וויא אזויא פטור צו ווערען פון זייער בלוט פיינד.

## ז
## דער לאָמבאַרד.

פון אללע גרויסע גליקקען וואָס ליפפאָלד האָט געהאט, פון אללע זיינע שווערע ארבייט וואָס ער האָט געהאָרעוועט פיר דאס לאנה, האָט ער קיינע פּראָפּיטען ניט געהאט און ער איז געווען גענעטהיגט צו זוכען א געשעפט וואָס צום וויינינגסטען זאָל ער קענען פארדינען זיין לעבענסמיטעל און צו דיזען צוועק האט ער געמוזט גרינדען א „לאָמבארד“ געשעפט און חאָטש ליפפאָלד איז געווען א צופרידענער מענש, ער האט ניט געזוכט קיין גרויסע לוקסוס, ער האט קיין איבריגע געלד ניט פארשווענ־דעט, פאר איהם וואלט גענוג געווען וויא פיעל ער האָט פארדינט, נור זיין פרויא „מאגדאלענא“ איז געווען א גוטע פּיאָווקע (בלוטאינעל) זיא האט איהם געזויגען זיין בלוט אָהנע אויפהער, זיא האָט געוואָלט וואָהנען אין אזא פּאלאץ וויא דיא קעניגין וואָהנט און טראָגען קליידער אזעלכע וויא דיא קעניגין טראָגט: פאָהרען שפּאצירען מיט א קאָטש און פפערד וויא דיא קעניגין פאָהרט, זיא האט געוואָלט שיינען מיט איהרע ציהרונג מעהר וויא אללע מיניסטאָרענס פרויען און אז זיא וואָלט נאָר געהאט

ביכולת וואָלט זיא נאָך נעוואָלט האבען שמוק מעהר און טהייערער וויא דיא קעניגין האט, אויף א באאל האט מאַנדאלענע מיט איהרע שמוק אויפגעריסען אלעמען דיא אויגען, פיעל שטאַדט׳ס דאַממען פלעגען ברוגז ווערען און פלעגען דעם באל מיט אללע נעסט פערלאַסען מיט אנאַויסרייד: „זייא האָבען קאָפּף שמערצען“ און באמת זיינען זייא פון דעם זאַאל אנטלאָפען, ווייל זייא האבען זיך נעפונען העכסט באליידיגט נענען אללע נעסט וואס האבען נעוואָרפען אוינעלעך אויף מאַנדאלענעס ציהרונג און ניט אויף זייערע, פיעל מיניסטאָרען זיינען נעוואָרען פון זייערע ווייבער אויסגעריסען פאר וואָס זייא האבען ניט אַזעלכע ציהרונג וויא מאַנדאלענע ליפּפּאָלד האָט, דער וואס האט מאַנדאלענען נעזעהען אויף א באאל, האט יענער מענש אין יענער צייט נעוואוסט דאס ליפּפּאָלד איז שני למלך און אנדערע פון דיא זעהער האבען נעזאָנט: דאס דער קעניג איז שני למלך בייא ליפּפּאָלדן, ווייל אללע נעלד פון גאַנצען לאַנד קומט אריין צו ערש׳ט אין זיינע הענד און נאָכהער צו יאאכים׳ען אין האנד....

נור איין ליפּפּאָלד האט נעוואוסט דאס זיינע אלע גרויסע פערדינסטען האבען קיין ווערט ניט, זייא צוקריכען אונטער דיא הענד, האט ער זיך מיישב נעווען דאס ער זאָל זיין פּיאָווקע, דאס הייסט זיין פרויא, באַשעפטינען מיט א ביסעל ארבייט, כדי זיא זאָל זעהען וויא שווער און ביטער עס קומט אָן צו פאַרדינען געלד און האט נע־פונען א מיטעל צו עפענען א לאָמבארד.

אין א קורצע צייט האט עס איהם באנליקט, זיין לאָמבארד איז נעוואָרען פול מיט משכנות און וועקסלען, דיא נרעסטע בעאמטע ביז דעם קעניגס לייבדינער—און ער אליין אויך—האבען אלע בייא ליפּפּאָלדען נעבאָרגט געלד, איינער אויף א משכון, איינער אויף א וועקסעל, אויך האבען פיעל מענשען נעלד נעבאָרגט ניט אויף משכנות און ניט אויף וועקסלען נור אויף זייער עהרען-וואָרט, ביז היינטינען טאָג זיינען פאראן פיעל וועקסלען וואָס דיא פאָרנעהמע לייט פון בראנדענבורג האבען איהם נעגעבען, אויך איז פאראן עד היום דער וועקסעל פון דעם בערלינער אויבער־פּאָליציימייסטער אויסגעשטעלט אויף ליפּפּאָלדס נאָממען.

ליפּפּאָלד האט זיך דורך דעם נעשעפט, וויא דער שטיינער איז, נעקויפט נור פיינדע. אָבער קיינע פריינדע, דאס הויפט זיין אייגענע פרויא איז איהם נעוואָרען א בלוט פיינדין, דיא אורזאכע פון איהר כעס צו איהר מאן איז נעווען א ביסעל שולדינ דער לאָמבארד, דיא מעשה איז אזויא נעווען: דורך איהר שענהייט האבען פיעל מיניסטאָרען זיך באַקענט אין ליפּפּאָלדס נעשעפט און האבען דיא שעהנע מאַנדאלענען נעמאַכט גרויסע קאָמפּלעמענטען, מאַנכע האבען זיך ערלויבט „ליעבע“ צו ערקלעהרען איהר און וועלכע פרויא האט פיינד צו הערען קאָמפּלימענטען? ביסלעכ־

וויס געוואָהנט זיא זיך איין מיט דיא זיסע רייד און מיט דיא פאלשע שמייכלערייען, דאס זיא פאנגט אָן צו גלויבען: דאס יעדער מאנספערזאָהן איז מחויב איהר קאָמ־פלימענטען צו מאכען אפילו דער מאן אויך... ליפפאָלד האט דאס גוט באמערקט און מאגדאלענע האט געוואוסט דאס ליפפאָלד איז זעהר אייפערזיכטיג אויף איהר און ער טרויט איהר ניט דיא ליכטיגע שיין.... פלעגט דאדורך ארויסקוממען פיעל מאָל גרויסע סקאנדאלען, איהם להכעיס האט זיא געבאָרנט נעלד אזעלכע מענשען וואָס זייא האבען איהר נעצאָהלט מיט קאָמפלימענטען און מעהר נישט.... און זיינען נאָך געוואָרען דם שנאים דעם ליפפאָלד פאר וואס ער האט פיעל מאָל געשטערט צו באָרגען נעלד אזעלכע מענשען וואס האבען שלעכטע חאראקטערע, דען דעם אלטען כלל האט ליפפאָלד געוואוסט: דאס בעת איינער נעהמט נעלד בהלואה און דאָס נעלד ראטעוועט איהם אין זיין נאָטה, ווען ניט דאָס געלד וואָלט ער אונגליקליך גע־וואָרען און דאָך בעת ער ברויך אָבנגעבען צוריק, פארגעסט ער אָן דיא טובה און ווערט יענעם—וואס האט איהם דיא טובה געטון—א דם שונא? פאר וואָס? עס קאָן זיין דאס דיא שנאה וואקסט איבער פערשיעדענע אורזאכען, דאָס ערשטע: וויא אין פסוק שטעהט געשריבען „משלם רעה תחת טובה" ווען איינער טהוט א טובה ווערט ער באצאָהלט מיט א רעה.... ווייל דער מענש בכלל איז געבאָרען מיט א שלעכטע נאטור—פונקט וויא א חיה רעה...; צווייטענס: ער פארגינט יענעם ניט דיא סוממע נעלד און טראכט בייא זיך אין הארצען: פאר וואָס זאָל יענער האבען און איך ניט? אי וואָס?... גאָר נישט!... בעת ער האט אין זיין האנד איז דאס זיינע און אז ער ברויך אָבנעגען פאר א שטיקעל פאפיר — דאָס הייסט: זיין וועקסעל—אזא גרויסע סוממע נעלד, פאר דריסט עס איהם זעהר שטארק און ליפפאָלד האט אויך זעהר פיעל דא־דורך נעליטען, דיא גוטע פריינדע זיינען איהם געוואָרען בלוט פיינדע, דיא יעניגע וואָס האבען זיך צו איהם נעחנפת, וואָלטען איהם געשטאָכען.... זיין איינענע פרויא האט איהם אויך ניט ליעב געהאט, דיא שעהנע מאגדאלענע האט אויך געזוכט אויף איהם בלבולים, זיא חאט איהם אימער עררעאינערט: דאס, זיא איז א מאָל געווען א שעה־נע און אנעהרליכע מיידעל און דער פאָטער איהרער, חאָטש ער האט נעקאָנט זיין א רב אין דיא גרעסטע שטאָדט, פון דעסטוועגען האט ער דיא רבנות ניט געוואָלט גע־ברויכען און ער האט איהר נאָך דער צו געגעבען נדן אויך, בכן... נוא וואָס איז?... גאָר נישט, ווייל זיא פיהרען א מיניסטער ראָללע און צום סוף ברויך זיא גאָר העלפען איהר מאן פארלייהען נעלד אויף משכנות און אויף וועקסלען און וועמען? אזעלכע מענשען וואָס ווען נים דאָס געשעפט וואָלט זיא מיט זייא קיין מאָל ניט גערעדט, קורץ גערעדט: ליפפאָלד האָט געהאט צרות פון אללע זייטען, זיין איינציגער טרייס־

איז געוועזן וואָס דער קעניג האט איהם ליעב געהאַט און האָט פערשטאַנען צו שעט־צען זיין עהרליכקייט און געטריישאַפט צו איהם און צו זיין לאַנד און צו אַלע מענשען, דאָס הויפּט האט ליפּפּאָלד געהאַט פערנינען, ווען ער האט געטהון א טובה א מענשען, סאַי א פּרט (איינצעלנעם) סאַי א כלל (פיעלע) דאס האט איהם א נייעם לעבען געגעבען, עס האט איהם זיינע קרעפטע געשטאַרקט און נייע חיות האט ער בעקומען.

---

## ח

## א נייער בלבול.

עס איז זעהר ביטער און פינסטער צו זיין אַרום געצוימט מיט שונאים, זייא וואַרפען אויף איהם אָן אַלערלייא בלבולים, זייא זוכען מיטלען איהם צו אונטער־גראָבען און אז מען זוכט געפינט מען, עס האָט זיך געמאַכט אזא מעשה: דעם קעניג האט זיך פאַרוואָלט מאַכען זילבערנע און גאָלדענע נייע מטבעות, וואו נעהמט מען אָבער דיא זילבער און דאס גאָלד דערצו? דאַרויף האט ער זיך בעראַטהען און איז גע־פאַללען אויף א נייעם פּלאַן, ער האט באַלד געגעבען זיין קעניגליכען באַפעל: דאס אַללע איינוואָהנער פון זיין מדינה זאָלען איהם בריינגען זייערע זילבערנע כלים און גאָלדענע ציהרונג און ער וועט זייא באַצאָהלען דעם ווערטה פון זילבער און גאָלד, נאַכהער וועט ער דיא ציהרונג און כלים שמעלצען און מאַכען פון זייא מטבעות און דער יעניגער מענש וואס וועט האָבען זילבערנע און גאָלדענע ציהרונג און כלים און וועט זייא ניט בריינגען צו דעם קעניג, וועט שטאַרק בעשטראָפט ווערען, דיא כלים און דיא ציהרונג וועט דער קעניג צו נעהמען אָהנע צו בעצאָהלען און יענער וועט נאָך האָבען א מיאוסן פּסק אויף פיר אָבנאַרען דעם קעניג.

דיא שרים און אַלע גרויסע בעאַמטע האבען א נייעם בלבול געמאַכט אויף ליפּפּאָלדן, זייא האָבען איהם חושד געוועזן דאָס דורך זיין עצה האט דער קעניג דאָס געטהון און דיא גאַנצע מעשה שטאַמט פון ליפּפּאָלד׳ס קעפּפּעלע, דאַרום האָבען זייא ניט געוואָלט פאָלגען דעם קעניגס באַפעל און האבען זייערע ציהרונג און כלים בעהאַלטען, נור זעהר ווייניג—נישט מעהר וויא צו פאַרבלענדען דיא אויגען—האבען זייא געבראַכט צו דעם קעניג און אז דער קעניג האט געזעהען דאס דיא שרים און אַנדערע אונטערטהאַנען ווילען ניט פאָלגען זיין בעפעל, האט ער באַפאָ־לען דעם ליפּפּאָלדען: דאס ער זאָל זיך מטריח זיין געהן צו דיא שרים אין זייערע הייזער און זוכען דאָרט גאָלד און זילבער און וויא פיעל ער וועט געפינען זאָל ער צו נעהמען ביד חזקה.... ליפּפּאָלד האט גענומען מיט זיך דעם קעניגס קנעכט, זייא זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז און אַלץ וואס זייא האבען געפונען האבען זייא גע־

גוממען און אוועקגעטראָגען צו דעם קעניג, דיא שרים האָבען זיך שטאַרק ערשראָקען פאר ליפּפּאָלדן מיט דעם קעניגס קנעכט, זייא האָבען מורא געהאט א וואָרט צו ריידען, זייא האָבען נור געטראַכט אין הערצען: נעהמט אייך אונזער פּארמעגען, נור לאָזט אונז איבער אונזער לעבען, זייא האָבען גאָט געדאנקט דער פאר וואָס ליפּפּאָלד מיט דיא קנעכט האבען זיך באַנוגענט מיט דאס גאָלד און זילבער זייערע און ניט צו גענוממען זייער לעבען....

דיא מעשה (טהאַט) צו נעהמען בייא אונשולדינע אָרדענטליכע מענשען מיט געוואלד זייער פּארמעגען, זייער אייגענטהום, גאָר אָהנע אורזאכע, האט געמאכט אויף דער וועלט א גרויסען רעש, א שלעכטען מיינונג פון בראנדענבורגער קעניג האבען פיעל געהאט, אללע האבען געזאָגט אז דאס איז געגען דיא מענשליכקייט, עס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען דאס בייא עהרליכע ליט וואס האבען מיט זייער מיהע גאָלד און זילבער געזאמעלט, זאָל מען פּלוצלונג קומען פון דיא רעגירונג און צו נעהמען בייא זיא גאָר אָהנע אורזאכע, דאס איז א נבלה וואס קיין גרעססערע קאָן שוין גאָר ניט זיין און אזא רציחה איז נאָך קיין מאָל ניט געהערט געוואָרען, נאָך מעהר: דיא שטארקע האנד וואָס ליפּפּאָלד האט געצייגט אכצעהען שרים אין יענער צייט בעת ער האט בייא זייא צו גענוממען זייערע גאָלד און זילבער, דיא נע־וואלדיגע מעשה האט מען ערצעהלט אין פיעל לענדער און אללע האבען געזאָגט, אז נאָר דער יודע ליפּפּאָלד האט שולד דער בייא, נור ער איז פּאראנטוואָרטליך פאר דיא נידערטרעכטיגע זאכע און חאַטשע דיא שרים האָבען מורא געהאט צו ריידען א וואָרט עפפענטליך, נור אין הערצען האָט זייא געברענט וויא א פייער, זייא האָבען געהאָפּט און געוואָרט צו דיא גוטע צייט וואָס זייא וועלען זיך קענען מיט איהם אָפּרעכענען, פיעל מענשען האבען גוט פערשטאַנגען דאָס א גאַנץ לאַנגע צייט קאָן ליפּפּאָלד ניט אַזויא פיהרען זיין ראָללע, עס מוז קומען זיין ענדע, פון איין פונק פייער וועט ווערען א גרויסער פלאַם און עס וועט פארצערען איהם און אלס וואָס ארום איהם און ער וועט זיך ניט קענען רעטטען אויף איין האאר.

ט

## ליפּפּאָלד׳ס גוטער חאַראַקטער.

עס איז קיין זאַך אזויא ניט פּאררריסלעך וויא דיא זאַך: ווען איינער טהוט דעם צווייטען גוטעס און יענער טהוט אָב צוריק שלעכטעס, ליפּפּאָלד האט געהאט איין אייזערנעס געדולד צו קאָנען זעהן און שווייגען דיא מענשען וועלכע ער האט גוטעס געטהון, באצאהלען איהם מיט האסס, מיט כעס און להכעיס טהון זייא קענע־

Ex bibl. univ. Tart.

מיט איהם ניט ריידען פריינדליך און ווינשען איהם פיעל שלעכטעס צוואר ניט מ׳ט׳ן מויל, נור אין הערצען, נאך מעהר פערדרוס איז געוועזן צו זעהן, דאס דיא יודען אין בראנדענבורג וואס זייא האט ליפפאלד זעהר פיעל טובות געטהון, זייא אליין האבען איהם אויך מבזה געווען, זיינע הסדים וואס ער האט מיט זייא געטהון, האבען זייא מיטביידע הענד צו גענומען און מיט דיא זעלבע ביידע הענד האבען זייא איהם אבגעשטויסען פון זיך, ער האט זייא ליעב געהאט מיט זיין גאנצען הערצען און זייא איהם האבען שרעקליך געהאסט אזויא וויא א שפין, פיעל מאל האט ליפפאלד גע־טהון פאר זייא טובות מעהר וויא פיעל ער האט געהאט ביכולת, זיין געלד, זיין כח און זיין מוח האט ער פאר זייא גענעבען און זייא איהם? זייא זיינען פון איהם געלאפען וויא פון א טינער, ליפפאלד האט דאס גאנץ גוט געוואוסט און איהם האט דאס ווייניג פארדראסען, ווייל ער האט פארשטאנען דאס ניט מחמת רשעת טהוען זייא דאס, נור דורך זייערע פאנאטיזמוז, זייא רעכענען איהם (ליפפאלדן) פאר ניט פרום און זייא זוכען גאט׳ס קריוודע, יעדער יוד וויל זיין גאט׳ס שטראבצע, יעדער יוד וואלט וועלען דעם צווייטען מזכה זיין מיט עולם הבא, מיט גן עדן, מיט דעם בעסטען חלק לויתן, יעדער יוד זארגט פאר דעם צווייטען דאס ער זאל חלילה ניט ברויכען ליידען ניהנם און אזויא וויא זייא האבען איהם גערעכענט פאר ניט פרום, ווייל ער האט קיין צייט ניט געהאט צו געהן אין זייערע ווענען.... דארום האבען זייא איהם פעראכטעט.... ליפפאלד איז פון דעסט וועגען געגאנגען אין זיינע גוטע וועגען, מיט איין האנד האט ער ערפילט דעם רצון פון קעניג און מיט דיא צווייטע האנד האט ער פיעל טובות געטהון זיין פאלק אין אז ער האט געזעהען דאס דיא ארעמע לייט האבען ניט און קענען ניט צאהלען אין קעניגס אוצר דאס געלד, וויא פיעל זייא ברוי־כען צאהלען, האט ליפפאלד פאר זייא געצאהלט פון זיין קעשענע און זייא (דיא ארעמע מענשען) האט ער גענעבען „א שטר קבלה״ דאס זייא האבען באצאהלט זייערע חובות, ליפפאלד האט זיך מקרב געווען צו דיא יודען און זייא האבען זיך פון איהם ערווייטערט, נור ליפפאלד האט זייא דאפיר ניט פעראכטעט ער האט געזאגט: דאס זייא זיינען ניט שולדיג, דורך זייער טעות זיינען זייא פארפיהרט און דורך זייערע נארעשקייט זיינען זייא פאראירט, דאס הויפט דיא געוואהנהייט וואס פיעל יודישע קינדער האבען, דיא ערציהונג איז אזעלכע: צו רודפן דעם ניט פראממען און ווען ער איז שטארקער און לאזט זיך ניט רודפן, זאל מען איהם לכל הפחות פעראכטען אין הארצען....

---

## י

## דיא קעניגליכע אונטערהאלטונג.

דעם צווייטען טאג אין מאנאט יאנואר אין דעם יאהר **1571** איז דער קעניג

מיט אלע זיינע דינער געגאנגען אין וואלד פאנגען חיות, זייא זיינען געגאנגען וואלד איין וואלד אויס אזויא זיינען זייא דעם גאנצען טאָג ארומגעגאנגען אין דיא וועלדער, ביז דער קעניג האָט געשאָסען א קליינינקע חיהל'ע און דיא פריידע וואר זעהר גרויס, באלד נאכהער זיינען זייא געקומען נאָך הויזע און דער קעניג האט געמאכט א באאל, דיא געסט האבען געגעסען, געטרונקען, געטאנצט זיך זעהר פריילין געמאכט, מאנכע גרויסע שרים האָבען לידער געזונגען, אנדערע האָבען צו געברומט, מיט זייערע שטע־כעדיגע ווערטער האבען זייא געצילט אין ליפפאָלד'ס הערצען, נור ער האט זיך גע־מאכט ניט פארשטייענדיג, דעם קעניג האט דאס א ביסעל פערדראָסען, האט ער זיך געווענדעט צו ליפפאָלדן און האָט געזאָגט: וואָרום שווייגסט דוא? איך האָב גע־הערט דאס דוא האסט א שעהנע שטיממע צו זינגען, מאך אונז פריילין, מיין פריינד, זינג עטוואָס, וואָס דיר געפעלט, מאך אונז פערגניגען אזויא וויא דוא האָסט בכח.—

פיעל שרים האבען ליפפאָלדן מקנא געווען דעם גרויסען כבוד, דער קעניג אליין זאָל בעטען דעם יודען דאס ער זאָל זינגען, אויף דעם האָבען זייא ניט ערוואר־טעט און ליפפאָלד'ס פנים האט געפלאמט פון גרויס פרייד און פערגניגען, דענסטמאָל האט ער געפילט וויא זיס דיא נקמה איז, ער האט פערשטאנען דאס עס גיבט צייטען ווען דער קעניג רעדט איז דאס פאר איינעם א סם חיים, פאר דעם צווייטען אָבער א ניפט.... ניט פיעל געטראכט האט ער געאנטוואָרט: צו פיעל כבוד פאר מיר, גרויסער קעניג, נור אז דוא פערלאנגסט, וועל איך פאר דיר איינינע פערזען פאָרזינגען:

1.

וועז דער קעניג צייגט זיין ליכטיגען פנים,
ער טהוט מיט איינעם חסד זעהר פיעל,
ווערען דענסטמאָל פאַרשעמט אללע זיינע שונאים
און יענער קומט צו זיין ריכטיגען ציעל.

אללע שרים האבען זיך געוואונדערט צו הערען זיינע שטעכעדיגע ווערטער, זייא האבען געהערט דאס מיט זיינע רייד מיינט ער נור זייא, זייא האבען זיך גע־שעמט צו קוקען איינער אויף דעם אנדערען, נור דער קעניג האָט געזאָגט: בראוואָ, ליפפאָלד! זינג ווייטער און ליפפאָלד האט געזונגען:

2.

דיא יודען בלייבען געטרייא דאס לאַנד
וואו זייא האבען נור אַ שטיקעל ברויט,
ביז זייא מוזען אַנטלויפען פון בראַנד,
פון הונגער.... פון שווערה.... פון נויט....

3.

גיט פרייהייט דיא יודען מיט אללעמען גלייך
מאַכט קיין אונטערשייד פון יוד און כריסט.
וועט דאָס לאַנד ווערען קירצליך גאַנץ רייך,
עס וועלען באַזעצט זוערען ערטער וואס זיינען וויסט.

4.

זעהם דאָס לאנד פון אַ מאָל ביז היינט,
זיא איז שוין רייכער אין פיעל זאכען,
וואו מען וואַרפט אנ'אוויג, אלס עס שיינט,
דער יודע קאָן פון בלאָטטע—גאָלד מאַכען.

5.

מאַכט איהם נור פרייא פון זיינע קייטען,
לאָזט איהם צופרידען עטליכע יאָהר
ער זאָל זיך נור ניט שרעקען פאַר'ן טייטען,
וועט ער שפּינען זייד פון האָאר....

אללע שרים האבען געוואָרפען אויגען אויף דעם קעניג, זעהען וואס וועט ער דערויף זאָגען און דער קעניג האָט פריינדליך געשמייכעלט און געזאָגט: זאָג ליפּפּאָלד וואס נאָך פערלאַנגסט דוא פאַר דיינע ברידער, איך האב דאָך שוין געטהון, וויא מיר שיינט, אלץ וואָס דוא האָסט פון מיר פערלאַנגט.

— חסד טהון — האָט ליפּפּאָלד געאַנטוואָרט, האָט קיין ענדע ניט, מען קאָן טהוען זעהר פיעל און נאָך מעהר, אָט וואָלט איך דיר, גרויסער קעניג, געבעטען: דאָס דוא זאָלסט דיא אָרעמע לייט בעפרייען אין גאַנצען פון צו צאָהלען דיא בע־שטימטע אָבגאַבען.

— גוט, האָט דער קעניג געזאָגט, מאָרגען וועל איך מיין באַפעל געבען און יעצט איז דער באַאל געענדיגט.

אללע שרים און בעדינטע זיינען נאָך הויזע געגאַנגען, נור ליפּפּאָלד איז נאָך געבליבען דאָרטען.

יא

## פאַר דעם שלאָפען געהען.

דער קעניג האָט פאַרבראַכט מיט ליפּפּאָלדן אַ לאַנגע צייט, גערעדט פון פּאָ־ליטיק, פון פערשידענע געגענשטענדע וואָס געהערט צו דאָס לאנד, דאָס הויפּט פון זאמלען געלד, אָ, ליפּפּאָלד! האָט דער קעניג געזאָגט, איך האב אין דיר געפונען מעהר וויא איך האב געוואונשען, דוא בינסט עהרליך, געטרייא, קלוג, בראוו און טהוסט אלץ באמת, אָבער זאָג מיר וואָס ווילסט דוא אזויא פיעל נוטעם טהון דיא אָרעמע לייט, פאַר וואָס זאָללען זייא ניט צאָהלען נאָך זייערע כוחות נאָך אין קע־ניגס אוצר?

— נאָך מיינער מיינונג, האָט ליפּפּאָלד געאַנטוואָרט, ווען דער אָרעמאַן צאָהלט אָבגאַבען, טהוט מען דער מיט אונרעכט דיא רייכע.

— איך פארשטייא דאס ניט, האט דער קעניג געזאגט, ערקלעהר דאס מיר דייטליך.

— גאנץ איינפאך, האט ליפּפּאָלד געאנטוואָרט, דער אָרעמאן עסט נישט מעהר וויא ברויט און טרינקט נישט מעהר וויא וואססער, וויינינגער עססען און קלע־נער מאכען דיא אויסגאבען זיינע, קאָן ער ניט ווייל א מענש מוז דאך עססען ברויט, נוא וואו זאָל ער נעהמען געלד צו געבען „אבגאבען‟? מוס ער דאך באַרייסען דעם רייכען נעהמען בייא איהם פיר זיינע אללע ארבייט טהייערער, למשל דער שוסטער, שניידער אויך אללע ארבייטער מוזען רעכנען פאר זייערע ארבייט מעהר און גרעס־סערע פרייזען דעם נביר אום זייא זאָללען האָבען צו צאהלען אין אוצר אריין, אלזאָ ווער צאָהלט פאר דעם אָרעמאן? דער רייכער! נעהמסט דוא, גרויסער קעניג, צווייא מאָל און מעהרערע מאָל בייא דעם רייכען, לסוף מוז דער רייכער באנקראָטירען, אנטלויפען, אָדער איינגעשפּאַרט ווערען אין טורמע, דארום שיינט מיר דאס דוא גרויסער קעניג, ברויכסט אזא אונרעכט ניט טהון און א הייליגע פפליכט ליגט אויף דיר צו בעפרייען דיא אָרעמע לייט אין גאנצען.

— א ביסעל האסט דוא רעכט ליפּפּאָלד, האט דער קעניג געזאָגט, מיר וועלען דערפון נאך ריידען, נור דער ווייל זאָל זיין געגוג, יעצט וועל איך דיר בעטען, גיב מיר א גלאָז וויין, איך וויל טרינקען און איך וויל שלאָפען געהן.

ליפּפּאָלד האט איהם א בעכער וויין געגעבען דער קעניג האט געטרונקען און געזאָגט: פאר וואָס האסט דוא פארגעססען צו בעטען א צעטעלע פון מיר פאר דאָס געלד וואס דוא האָסט מיר היינט געבראכט אין אוצר אריין, דוא גלויבסט מיר טאקע אויף מיין וואָרט? דוא האָסט אין מיר ניט געפונען דעם חסרון פון „שכחה‟ (פאר־געססען)? און דוא בינסט מיר ניט חשד דאס איך זאָל פערלאנגען צו נעהמען צווייא מאָל געלד בייא איינעם? און אז דער קעניג האט געזעהען דאָס ליפּפּאָלד איז גע־וואָרען אין דיא גרעססטע פערלעגענהייט זאָ פיעל, דאס ער האט קיין ווערטער געהאט וואָס צו אנטוואָרטען, האט דער קעניג געלאכט און געזאָגט: נעה, ליפּפּאָלד לייג דיך שלאָפען און שלאָף רוהיג, איך וועל דיינע ברידער, דיא יודען, קיין אונרעכט ניט טהון, מיין וואָרט איז אזויא גוט וויא א צעטעלע פון מיר, גיב מיר בעססער נאך איין גלאָז וויין.

ליפּפּאָלד האט איהם געגעבען נאך א גלאָז וויין, דער קעניג האט אויסגע־טרונקען, ער האָט זיך געלעגט שלאָפען און ליפּפּאָלד איז אויך געגאנגען זיך לייגען שלאָפען.

## יב
## דער גרויסער אונגליק.

פאר טאָג, בעפאָר דער מאָרגענשטערען האט אויפגעשיינט, אללע מענשען אין הויף האָבען געשלאָפען נור ליפּפּאָלד האט דיא גאנצע נאכט ניט געקאָנט שלאָפען, דיא פארקרימטע פּנים׳ער פון דיא שרים האבען אויף איהם געמאכט א

שלעכטען איינדרוק — זייערע אויגען וואס זיינען געווען שארף און שפיציג האט אויף איהם געוואָרפען א שרעק, דעם קעניגס ליצנות איז אויך געווען פאר איהם ניט אזא גרויסער אנטיק, עס איז איהם גאָר ניט געפעללען געווען, ער האט פאר זיין אָבשייד נעהמען פון קעניג באמערקט, דאס דער קעניג איז געווען ניט וויא אללע מאָל.... זיינע אויגען זיינען געווען וויא מיט א וואָלקען בעצויגען, ליפּפּאָלד איז דיא גאנצע נאכט ארום־שפּאצירט אין פּאלאץ, געגאנגען הין און הער, זיין הערץ האט איהם געקלאפּט, ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען, ער איז געווען אונרוהיג און האט ניט געוואוסט וואס.... דאס הערץ האט איהם געזאָגט, נור קלאָהר און ריכטיג ניט.... פּלוצלונג האט ער דערהערט א געשריי פון קעניגס חדר, ער איז שנעל אריינגעלאָפען אהין זעהען וואס דאָס בעדייט, ער האט געפונען דעם קעניג ניט אין א גוטע לאגע, ער האט געשריען: „גוואלד" און געבעטען: דאס מען זאָל ראטעווען — א שרעקליכער קדחת (פיבער) האט איהם געוואָרפען, געטרייסעלט זיין גאנצען קעָרפּער, א גרויסער היטץ האט איהם געברענט אין אללע זיינע גלידער און בעפאר ליפּפּאָלד האט אוספייעט צו זאממען צו רופען דיא דאָקטוירים, איז דעם קעניגס נשמה געפלויגען העט העט אז אין הימעל אריין, אויף אזא פּלוטצליכען טויט האט קיינער ניט גע־טראכט, אויף אזא שנעללע ענדע האט קיין מענש זיך ניט גערעכענט, דער דאָקטאָר לוטהער, דער זאָהן פון דעם בעריהמטען גרויסען ד"ר מארטהין לוטהער, האט דעם קעניג נעפּאלמעסט, ער האט איהם צו שניטען דעם קערפּער, אום צו זעהען דיא אורזאכע פון זיין טויט און האָט געפונען: דאס דעם קעניגס צוויא וואונדען וואָס ער האט געהאט און פון זייא א לאנגע צייט געליטען צרות, איינע אויף זיין רעכטע האנד און איינע אויף זיין לינקע פוס, זייא זיינען געווען דיא אורזאכע פון זיין פּלעטצ־ליכען שטארבען, דען בעת ער איז געווען אין וואלד האט ער זיך אָנגעריהרט אָן אזא גראָז וואָס דער גיפט איז איהם אריין אינערליך און דורך דעם איז ער פּלעטצליך געשטאָרבען.

—0—0—

יג

## דיא ערשטע שרעק.

**עס איז גרינג** און לייכט זיך פאָר צו שטעלען דיא ערשטע שרעק וויא אללע זיינע שרים און בעאמטע און ראטהגעבער האבען זיך ערשראָקקען, זייא זייען געווען וויא צו מישט, זייא האבען געזעהען דאס דער אונגליק זייערער איז ניט קיין קליינג־קייט, זייא האבען זיך געשראָקען ניט אומזאָנסט, זייא האבען געוואוסט דאס דער נייער קעניג וועט פון זייא רעכנונג פאָדערן, דין וחשבון וועט ער פערלאנגען אויף

אלץ וואס זייא האבען ביז היינט געטהון, און זייא וועלען מוזען פאר איהם צייגען זייערע אלע רעכנונגען וואס זייא האבען ביז היינטיגען טאג געמאכט, און אז מען זוכט—איז ניט גוט, מפרט אז דער קעניג וויל געפינען אונרעכט געפינט ער געוויס, מעהר שרעק פון זייא אלעמען האט געהאט ליפפאלד, ער האט זיך ערשראקען וואס א גרעסערער שרעק קאן שוין גאר ניט זיין, ער האט גוט פערשטאנען דאס אין איין נאכט און אין איין שעה האט ער פארלארען אלץ וואס ער האט געזאממעלט אין פיעל יאהרען, ער האט געוואוסט: דאס דער נייער קעניג האט פיינד דיא יודען בכלל און איהם (ליפפאלדן) בפרט, ער האט זיך יעטצט געשראקען פאר אלע זיינע שונאים וואס ביז יעטצט האבען זייא זייער קאפף ניט געקאנט אויפהויבען, יעטצט אז דער קעניג איז שוין ניטא, וועלען זייא שוין טהון וואס זייא וועלען לוסט האבען. זייא וועלען זיך אן איהם נוקם זיין, זייא וועלען זיך מיט איהם אלטע חשבונות בארעכנען, זייא וועלען שוין זוכען מיטלען וויא אזויא איהם צו פטרן פון דער וועלט, און ניט אומזאנסט האט ער זיך געשראקען, דען דער נייער קעניג יאהאן געארג וואס האט זיך געזעטצט אויף יאאכים דעם צווייטענס שטוהל צו רעגירען אין לאנד, האט א בעפעל געגעבען צו ארעסטירען אלע אלטע שרים און בעאמטע וועלכע האבען געדינט פאר יאאכים דעם צווייטען, און דעם נייעם קעניגס דינער האבען צוזאממען גענומ־מען אללע שרים אין געפיינגנים זייא איינגעשפארט וואו דיא קעניגליכע פארברעכער זיטצען דארטען, און צווישען זייא איז געוועזען ליפפאלד אויך, א לאנגע צייט זיינען זייא אללע צוזאמען געזעסען, נור אלע שרים זיינען בעפרייט געווארען, ווייל זייא האבען געהאט געגוג צייגנים צו איבערצייגען זייערע עהרליכקייט, איינער האט עדות גע־זאגט פאר דעם צווייטען, דיא שופטים האבען צו געהערט זייערע רייד, אנגענוממען זייערע טענות, דער קעניג אליין האט אויך צו געהערט וואס זייא האבען גערערט און ער האט זייא געגלויבט, דארום האט ער זייא בעפריט, ניט אזוי אבער וואר דער שיקזאל פון ליפפאלדע, זיינע רייד האבען דיא שופטים גאר ניט געוואלט הערען, וואס ער האט געזאגט, האט מען איהם ניט געוואלט גלויבען, וואו ער האט זיך געווענדעט, זיינען גרויסע שטיינער געלעגען אויף דעם וועג, וואו ער איז געגאנגען האט ער גע־פונען טיפע גריבער און דארט זיינען געלעגען גיפטיגע שלאנגען... יעדער האט איהם געוואלט בייסען רייסען... ער האט געזוכט דיא טויערן וואס דורך זייא געהט מען אריין צו דיא ריכטער וואס מען רופט זייא „אמת" און „צדק" ער האט אבער דיא טויערען געפונען פארשלאסען פאר איהם, דיא שופטים (ריכטער) האבען איהם פיינד געהאט, זייא האבען זיך ערינגערט דיא אלטע שנאה זייערע, און דער נייער קעניג האט צוגעהערט וואס זיינע (ליפפאלד'ס) שונאים האבען אויף איהם געזאגט, האט

דער קעניג בעפאָללען, דאָס מען זאָל ליפּפּאלדן משפטן פאר א בית דין פון דרייא ריכטער און איבער זייא זאָל זיטצען דער געהיימראַטה פון ארנים (Geheimrath von Arnim)

———0~~0———

יד

## איין אונגליקק שלעפּט דעם צווייטען.

„אַנ׳אונגליקק געהט ניט אליין" זאָגט דיא וועלט, ער שלעפּט צו זיך נאָך אונגליקען, זיינע בעדינטע זיינען: „מערדער" „רויבער" „פויסטען רעכט" און נאָך פיעל אנדערע... דאָס הויפּט וואו עס געהט א אונגליק, שלעפּען זיך נאָך איהם דער פּראָסטער פּאָלק, דיא אונוויסענדע מענשען זוכען צו משפטן מיט זייער יושר דיא אונגליקליכע וואָס דארפען זיין א קרבן פיר דעם מענשען וואָס איז אונגליקליך געוואָרען אָט אין בראַנדענבורג איז אויך דער זעלבינגער פאל געווען, וויא דער המון-עם האָט נאָר דערהערט דיא מעשה וואָס האָט געטראָפען דעם קעניג יאאכים דעם צווייטען, אויך דאָס יודע ליפּפּאָלד וואָס ער איז געווען זיין רעכטע האנד איז ארעסטירט אין פעסטונג פאר פאלשע געשעפטען און בעטרוג, אָט דיא פּראָסטע מענשען וואָס ביז יענעם טאָג האָבען זייא מורא געהאט א האנד אויף צו הויבען אויף דיא יודען, אָט זייא אלע דער גאַנצער ערב-רב האָבען זיך פערזאַמעלט און האָבען זיך צוזאַמענגערעדט צו פאַרטילינגען און פארניכטען אלע יודען אין בראנדענבורג, מיט איין קול האָבען זייא געשריען: דיא יודען האָבען דעם טויט פארדינט, זייא האָבען גערעדט און אָנגעפאַנגען צו טהון, אלע אויף איין מאָל זיינען זייא געגאַנגען בערויבען דיא יודען, ערמאָרדען און פּייניגען... דיא ערשטע ארבייט זייערע איז געווען, זייא האָבען בעפלינדערט דיא גרויסע שול אין „קלאָסטער" גאסס און אז זיי האָבען דאָרטען געענדיגט זייערע שלעכטע מעשים און אז זייא האָבען געזעהען: דאָס קיין מענש שטעהט זייא ניט ענטגעגען און קיינער שטערט זייא ניט פון זייערע שרעקליכע טהאטען, אויך דיא רעגירונג שטעהט פון וויטען, זיא בעקימערט זיך גאָר ניט און זיא ניט זיי דיא פרייהייט צו טהון וויא און וואָס זייא ווילען, אויב אזויא—האָבען זייא געזאָגט איינער צו דעם אנדערן; מאכט אייך פערטיג ברידער, הייגט איז דיא גוטע צייט, לאָמיר רויבען, פלינדער׳ן וויא פיעל מיר קענען, מיט זייער מונד האָבען זייא גערעדט און מיט דיא הענד האָבען זייא געטהון, זייא זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז, בייא רייכע יודען און בייי אָרעמע האָבען זייא אויך ניט פארפעהלט... זייא האָבען גענומען אלץ וואָס זייא האָבען געפונען פיר זיך ניטצליך, זייערע פרויען האָבען זייא געשענדעט, זייערע טעכטער געפייניגט... זייערע קליינע קינדער גערויבט, ועמען זייא האָבען געוואָלט האָבען זיי מיט דעם שווערד געהרג׳ט, מאנכע געלאָזט לעבען אויף צרות... אלע חפצים וואָס זייא האָבען דאָס ניט געוואָלט מיטנעהמען מיט זיך האָבען זייא צערבראָכען, צעררי̇סען, אויסגעגאָססען, פארברענט, קיין מענש האָט זיך ניט געוואגט א וואָרט געגען זייא צו זאָגען, דען דער איינציגער יודישער מליץ-יושר וואָס זיי האָבען איהם געהאָסט פיר זיינע גוטע מעשים צו זיי, אָט, דער גוטער מענש, ליפּפּאָלד, איז איינגעשפּארט אין געפיינגניש און קיין אנדערע איז ניטא וואָס זאָל אגוט וואָרט זאָגען פאר

זייא, און דארום ווער עס האָט נור געוואָלט האָט געראבט, ווער עס האָט געהאט א האנד האָט געשלאָגען, אזוי וויא דיא ווילדע חיות האָבען זייא געחאפט, גערלאפט, געטהון מעשים אשר לא יעשו. אין יענער צייט האָבען דיא יודען געהאט א זעלבע צרות אין בראנדענבורג, וואס זייא האָבען דאָס ניט געהאט פון דער צייט וואס זייא זענען פערטריבען געווארען, פון זייער לאנד, גאָטעס צארען איז אויף זייא אויסגעגאָסען געווארען, דיא גאנצע תוכחה איז אויף זייא מקוים געוואָרען, אויך פון דיא מכה וואָס שטעהט ניט אין דער תורה האָבען זייא פיעל געליטען, עס איז געוואָרען א אי־בערקערעניש, אפינסטערניש, א שווארצער דיקקער וואָלקען איז בעצויגען געוואָרען אויף די יודישע קעפּף און די דאָנערען מיט א שלאַקס־רעגען האָבען זיך געשטארקט און אלע יודען האָבען געוויינט געקלאָגט אויף זייערע צרות.

---

## טו
## ליפפאָלד'ס תפלה.

ליפפאָלד האָט געוואוסט אלץ וואָס האָט זיך געטאון בייא דעם נייעם קעניג אין פּאלאץ, דארום האָט ער זיך געפילט זעהר אונגליקליך ער האָט געוואוסט אָך גוט פערשטאנען דאָס ער האָט אויף קיינעמס הילף צו ווארטען, „אמת" און „יושר" זיינען פון פּאלאץ אנטלאָפען, אָדער בעסער געזאָגט: מען האָט זייא ארויסגעטריבען מיט א געוואלדיגע האנד, און אויף זייער אָרט זיינען געוואָרען הערשער „שקר" „כזב" און „מרמה". ליפפאָלד האָט אויך געוואוסט דאָס זיינע שופטים וועלען אויף איהם קיין כבוד ניט לענען, פּארקעהרט זייא וועלען אויף איהם זוכען אלערלייא בלבולים. ער האָט שוין גאָר ניט געטראכט בעפּרייט צו ווערען פון דיא מערדערישע הענד, ער האָט נור געבעטען גאָט, מתפּלל געוועזען צו איהם מיט זיין גאנצען הערצען, דאָס ער זאָל עפנען דיא שופטים'ס אויגען, אום זייא זאָלען זעהען דאָס ער האָט געגען דעם קעניג ניט געזינדיגט חלילה, ער האָט קיין אונרעכט געטהון געגען מענשליכקייט, פּארקעהרט, ער האָט דעם קעניג געליבט מיט זיין גאנצען הערצען, ער האָט איהם געדינט באמת, ער איז געוועזען געטרייא, עהרליך, און אזוי וויא א מענש ארבייטעט פיר זיך אליין, אזוי האָט ער געארבייט פיר דאָס לאנד. אלזאָ ווארום זאָלען זייא, דיא שופטים ניט משפּטען באמת, ווארום זאָלען זייא איהם וועלען אונ־גליקליך מאכען, פאר וואָס זאָל האָבען דער גערעכטער דעם זעלבען פּסק וואָס דער אונגערעכטער האָט, בראנדענבורגער שופטים זאָלען ניט משפּטען ריכטיג? נישט קשה, האָט ליפּפאָלד געזאָגט צו זיך מיט טרערען, א מענש דארף זיין האָפנונג ניט פּאר־לירען, דער יודישער גאָט לעבט און אזוי וויא ער אליין משפּט ריכטיג, אזוי ניט ער אריין א גוטע מחשבה דיא שופטים בייא זייא אין הערצען, דאָס זיי זאָלען אויך ריכ־טיג משפּטען, און אז זייא וועלען נור ריכטיג משפּטען האָב איך דאָך ניט וואָס מורא צו האָבען, ווייל זייא וועלען דאָך ארויסזעהען מיין אונשולד. ער האָט פּיעל טרערען פארגאָסען בייא דעם געבעט, געבעטען און געוויינט, געוויינט און געבעטען ביז ער האָט איינגעשלאָפען.

---

מז.

## דער חלום.

אנומע מתנה האָט נאָט דעם מענשען נעגעבען נעהמליך, „דער שלאָף". ווען א מענש פילט זיך עהרליך, אונשולדיג, ער ארבייטעט דעם גאנצען טאָג נור וייל דער מענש איז צו ארבייטען נעבאָרען, ער האלט זיין קאָפּף שטארק איין־צו קוקען גלייך און ניט ארויף... ער לעגט איהם אויף א קישען און ניט אויף 'שמאטצטיק" דער שלאָפט רוהיג, זיינע קרעפטע בעניינען זיך איהם, ער זאָל קאָנען ארבייטען מאָר־גען נאָך פון דאָס נייא, זאָנאר ווען א מענש פאלט אין אנ'אונגליק אריין, אין אבלבול אָדער אין אַ נעפעהרליכען פּראָצעס, וואָס שמעקט מיט דיא גרעסטע שטראָפע צו פערלירען דעם לעבען, אויב יענער ווייסט נור אויף געוויס דאָס ער איז אונשולדיג, שלאָפט ער נעשמאק אָהנע הינדערניסע.

אזא נעשמאקען זיסען שלאָף האָט יעצט אונזער ליפּפּאָלד געשלאָפען, ער האָט נעוואוסט דאָס ער איז אונשולדיג, און זיין אונשולד וועט זיך געוויס ארויסצייגען און ער וועט פרייא ווערען, ער האָט נעקלעהרט וואָס וועט ער דענסטמאָל טהון, זאָל ער בלייבען וואָהנען אין בראַנדענבורג אָדער ניט, מיט דיא זיסע נעדאנקען האָט ליפּפּאָלד פארבראכט א לאַנגע צייט, עס האָט זיך איהם אויף פּאָרגעשטעלט וויא וועט זיין ווען דיא שופטים וועלען זיך ניט באמיהען צו זוכען דעם אמת, זייא וועלען איהם אורטהיילען וויא עס נעהערט צו א יודען... וויא אונגליקליך וועלען דענסטמאָל זיין אַללע זיינע גוטע פריינד, אַלע יודען וועלען ליידען דורך איהם, דער מלאך וואָס איז ממונה אויף דיא חלומות האָט ליפּפּאָלדן נעצייגט א חלום נאָך זיינע געדאנקען נאָך... עס האָט איהם נעטרוימט: דאָס ער איז בעפרייט נעוואָרען פון נעפיינגניש, לויפּענ־דיג א היים איז א טיפער און א שטראָמיגער וואסער איהם ענטגעגען געשטאַנען, ער איז דעם שרעקליכען אָרט אריבער נעשוואומען און איז נעלאָפען ווייטער, לויפּענ־ד'נ האָט ער פּארבלאָנזעט אין א וואלד, ער האָט נעזעהען דאָס זיין פרויא זיטצט אונטער א בוים, בייא איהר זיטצען דיא אַלע שופטים זיינע און משפטן איהם פון דאָס נייא, ער איז אַרויף נעקלעטערט אויף א בוים זיך בעהאלטען פון זייער שרעק־ליכע האנד, אָבער דער בוים איז איינגעפאלען און ער איז אראָפּגעפאלען, דיא שופטים האָבען איהם נעחאַפּט און האָבען איהם אזויא פיעל שמערצען געטהון דאָס ער האָט פון גרויסע ווייטאָג נעוואכט, ער האָט נעזעהען דאָס א דינער פון דיא שופטים האָט איהם נענומען און נעפיהרט אין נעריכט'ס זאאל אריין.

יח

## ליפּפּאָלד'ס בעפרייאונג.

נאָך אַלע טענות און נאָך אַלע רייד זיינען דיא ריכטער געווען אין אַ גרויסע פערלעגענהייט, זייא האָבען ניט נעוואוסט וואָס צו טהון, זייא האָבען קיין אונרעכט נעפונען אויף דעם ליפּפּאָלד, דען ליפּפּאָלד'ס תפלה פון טיפען הערצען האָט גאָט צו געהערט, דער קעניג יאהאן געאָרג האָט בעשטימט עהרליכע שופטים וואָס נעהמען

קיין חאַבאַר, וואָס האָבען ריינע הענד און קלאָהרע הערצער, דיא עהרליכסטע ריכטער אין זייערע צייטען... וואָס זייער גאַנצער פערלאַנג איז נור געוועזן צו וויסען דעם אמת און חלילה קיין אונרעכט טהון אומזאָנסט, דיא עהרליכע שופטים האָבען גוט נאַכגעפאָרשט געקלעהרט, געטראַכט, און געזוכט, אַלע זיינע רעכען ביכער האָבען זייא נאָך גערעכענט און חאָטש ער איז געוועזן געשריבען אויף יודיש, האָבען זייא געפונען אַ יודען נאָר אַ פרעמדען וואָס האָט פאַר זייא אַלץ איבערזעטצט אַזוי וויא עס שטעהט געשריבען אין דיא ביכער, דיא שופטים האָבען געזעהען אַלע חשבונות און זייא האָבען געפונען אַ ריכטיגען חשבון, דיא שופטים האָבען געמוסט מודה זיין, צוואַר ניט עפענטליך נור צווישען זיך, דאָס ליפפאָלד האָט קיין אונרעכט ניט געטהון, זיינע ביכער צייגען זיין אונשולד און אַללע שרייבער אויך אַללע סריסים זאָגען עדות דאָס ליפפאָלד האָט געטהון אַלץ מיט אַ ריכטיגען חשבון, ער האָט דיא ביכער געפיהרט, דיא הכנסה אויך דיא הוצאה ריכטיג, קיין איינציגען פפעניג האָט ליפפאָלד ניט פערבראַכט קיין מאָל אומזאָנסט, די שופטים האָבען אויף איהם קיין האָר אונרעכט געפונען, אין געגענטהייל: ער האָט פון זיין געלד געשטיטצט די אָרעמעלייט, אויך האָט ער געלד געגעבען דעם קעניג מעהר וויא פיעל ער האָט געברויכט איהם געבען, זיבצעהן הונדערט גולדען האָט ער פון זיין טאַשע דעם קעניג געבאָרגט, אַזויא האָבען עדות געזאָגט דעם קעניגס סריסים „פאַנטעל“ „טהומב“ און „מאַטטהיאָס“ זייא האָבען נאָך בעסערע עדות געזאָגט, דאָס פיעל מאָל האָט ליפפאָלד געלד געגעבען דעם קעניג און האָט בייא איהם קיין קוויטונג גענאָמען, זייא האָבען בעוויזען פאַקטיש דאָס ליפפאָלד האָט אַכט טויזענד גולדען געגעבען דעם קעניג פאַר זיין טויט און דער קעניג האָט באמת צו בערייט די קוויטונג, נור ער האָט ניט אוספּייעט אָבצוגעבען דעם ליפפאָלדן, און ווירקליך איז דיא קוויטונג געפונען געוואָרען אין דעם קעניגס אוצר אויסגעפילט אויף ליפפאָלדס נאָמען, דער פון זעהט מען בפירוש אַרויס דאָס ליפפאָלד איז ריין פון אַלע בלבולים.

דיא שופטים האָבען געזעהען דאָס ליפפאָלד האָט קיין שלעכטעס געטהון, זייא האָבען גוט פערשטאַנען דאָס ער האָט זיין פפליכט ריכטיג ערפילט, נאָר איין זאַך איז זייא וויא אַ ביין אין האַלדז געשטאַנען, נעהמליך: דער נאָמען „יודע“ וואָס ליפפאָלד האָט אויף זיך געטראָגען, און חאָטש דיא שופטים זיינען געוועזן עהרליכע מענשען נור דער קנאַת־הדת האָט אין יענער צייט שטאַרק עקסעסטירט, דיא „רעליגיאָנס האַסס“ האָט דענסטמאָל אַ גרויסע ראָלע געשפּילט. און דער האַס האָט איינגעדרונגען טיף אין דיא הערצער פון דיא גרעסטע מענשען, ווער קאָן געגען אַזאַ האַס באַשטעהען, ניט איין קרבן האָט דיא רעליגיאָנס האַסס געבראַכט אויף דער וועלט, דיא משרתים איהרע זיינען אין יענער צייט געוועזן „פייער“ „שווערד“ „פאָלטער“ און נאָך אַזעלכע מלאכי חבלה...

איין פונק אמת בעלייכטעט פיעל פינסטערע הערצער, דיא שופטים—וויא מיר האָבען שוין געזאָגט—זענען געוועזן עהרליכע מענשען, דאַרום האָבען זייא ליפפאָלדן בעפרייט פון דעם געפייננניש, און האָבען איהם באַפוילען דאָס ער זאָל צו הויזע בלייבען זיטצען, פון שטאָדט האָט ער קיין רעכט ניט אַרויס צו פאָהרען אָהן זייערע ערלויבניש, ער מוז בלייבען אין שטאָדט ביז זיי וועלען איהם ערקלעהרען „אונשולדיג“ אין גאַנצען.

דיא פריידע פון ליפפאָלדן איז געוועזן ניט צו בעשרייבען ער איז אַרויס פון אַ פינסטערע גרוב אין אַ ליכטיגע וועלט. נאָר דער שטן האָט איהם באַגלייט, דיא שופטים האָבען געשיקט צו איהם עטלעכע מרגלים (געהיימפּאָליצייא) און זייא באַפוילען: דאָס זייא זאָלען טאָג און נאַכט געהען אַרום ליפפאָלדס וואָהנונג און הערען ואָס ער וועט רעדען און וואָס אַנדערע וועלען בייא איהם צו הויזע ריידען, און אַלס

וואָס ער וועט טהון זאָלען די מרגלים די שופטים ערצעהלען, „איהר זאָלט אַלץ זע־הען און הערען און אייך זאָלל מען ניט זעהען״—האָבען דיא שופטים באפוילען דיא מרגלים—פּיליכט וועלען מיר דורך דעם מיטעל עטוואָס ערפאַהרען פון איהם, קיין אַנדער עצה איז דער ווייל ניטאָ צו דעם משפט.

יט

## דיא מרגלים

א לאַנגע צייט איז ליפּפאַלד געזעסען אין זיין הויז אויף דיא „שטרעלויער״ גאַסס, פיעל טאָג האָט ער נחת געקליבען פון זיין רוהיגען לעבען, אַלע פער:ניגען וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער געהאַט, ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס הינטער איהם שטעהט, ער האָט ניט געוואוסט דאָס דער טויט וואַרט אויף איהם און וויל פון איהם ניט אָבטרעטען, און טאָקע באַלד אין א קורצע צייט וועט ער איהם צו נעהמען פון דער וועלט, ער האָט ניט געוואוסט דאָס זיין אייגענע פרויא איז זיין „מלאך המות״ דורך איהר צונג וועט ער פיעל יסורים ליידען ביז ער וועט בעפרייט ווערען פון דיא פאַלשע זינדיגע וועלטעל....

דיא מרגלים זיינען טאָג און נאַכט אַרום געגאַנגען אַרום ליפּפאַלד׳ס שטוב, זייא האָבען געזוכט, געהאָרכט יעדעס וואָרט יעדער תנועה זיינע, האָבען זייא גוט גע־זעהען, אָבער נישט, ניט זיי זעהען עטוואָס פאַרדעכטיגעס און ניט זייא הערען, זייא האבען זיך שוין ניט געדעכענט און ניט געהאָפט עטוואָס צו ערפאַהרען, דיא מרגלים האָבען איינער צו דעם אַנדערן געזאָגט: זאָל זיין געגנוג הערום געהען הערום ליפּפאַלדס הויז, וויא עס שיינט איז ער אַ עהרליכער מאַן, קיין שלעכטעס וועלען מיר פון איהם ניט זעהען און ניט הערען, ווייל ניט ער האָט געטהון אונרעכט און ניט ער וועט טהון קיין שלעכטעס, קומט לאָמיר געהען צו דיא שופטים און מיר וועלען זייא זאָגען: דאָס אונזער יעטצטיגע ארבייט איז אומזאָנסט, מיר וועלען ביטען דיא שופטים דאָס זייא זאָלען אונז בעפרייען פון די ארבייט,—ניין: האָט דער עלטעסטער מרגל געזאָגט, לאָ־מיר נאָך וואַרטען, איהר ווייסט דאָך, דאָס איך האָב מיינע „א גוטע שוועסטער״ געשיקט צו איהם אין הויז ביטען דאָרט א שטעלע אַלץ דינערין, און דיא מאַדאַם מאַנדעלענע ליפּפאַלד האָט זיא צו געגומען בייא איהר אים הויזע, איך האָב מיין „גוטע שוועסטער״ געביטען דאָס זיא זאָל זיך דעם ליפּפאַלד׳ן אביסעלע צו חנפען, ביז ענדליך זאָל זיא איהם „ליעבע״ ערקלעהרען, פיליכט וועט זיא קאָנען ביי איהם עטוואָס ערפאַהרען, און אויב ניט, זאָל זיא צום וויינינגסטען אָנצינדען א פייער אין ליפּפאַלד׳ס־פרוי׳ס הערצען, דאָס זיא זאָל רעכנען איהר מאַן פאַר א פאַרברעכער... דענסטמאָל וועט זיא פיליכט ענטדעקען דאָס וואָס מיר ברויכען וויסען, די מאַדאַם ליפּפאַלד וועט אונז דורך דעם פּלאַן, אלס זאָגען, נישט קשה לאָמיר ניט זיין איבער־איילט, עס וועט שוין גוט ווערען.

— אָבער ליפּפאַלד וועט דאָך זיך ניט לאָזען אָבנאַרען מיט אזא זאַך, האָט דער צווייטער מרגל געפרעגט.

— ניט זאָרג, האָט דער עלטסטער מרגל געאַנטוואָרט, איך האָב געביטען מיינע א בעקאַנטע דאַממע וואָס זיא איז אויך בעקאַנט מיט דיא מאַדאַם ליפּפאַלד דאָס זיא זאָל איהר אויפמערקזאַם מאַכען אויף דיא נייע דינסט, ווייל זיא האָט גע־הערט: דאָס ליפּפאַלד צעפּעט זיך צו איהר, און פון „דרך שלום״ ווענען בייא אזא עסק מעג מען זאָגען אזא ליגען, נוא וויא מיינסט דוא, וואָס וועט דער פון זיין? מיינע „גוטע שוועסטער״ וועט טאַקע ארויסגעטריבען ווערן פון הויזע נור דער פייער וואָס זיא וועט אָנצינדען אין הערצען בייא דיא מאַדאַם ליפּפאַלד, וועט ברעננען און קיין מאָל זיך ניט אבלעשען.... פריהר אָדער שפּעטער, גאַנץ לאַנג קאָן אזא פייער ניט בלייבען פאַרשטיקט....

כ

## געחאַפּט אין נעץ.

ליפּפּאַלד איז געזעסען אין זיין חדר און דיא „גוטע שוועסטער" איז צו איהם הערייָן געגאַנגען ניט גערופּענער־הייט, זיא האָט אָנגעפאַנגען בכוונה דעם חדר אויפצוראַמען, ליפּפּאַלד האָט זיך באַלד אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און האָט געוואָלט אַרויס געהן, האָט זיך דיא „גוטע שוועסטער" געשטעלט בייא דער טהיר און האָט געזאָגט: ערקלעהרט מיר ליבער הער פאַר וואָס אַנטלויפט איהר פון מיר? איך בין דאָך ניט קיין בער, וואָס האָט איהר אַזוי שטאַרק מורא פאַר מיר? וואָס פאַר שלעכטעס וועל איך אייך דען טהון?

זיין הערץ האָט איהם געזאָגט אַז דאָס איז אַ נעץ פאַר איהם פאַרשפּרייט, האָט ער איהר קאַלטבלוטהיג געאַנטוואָרט: דו בינסט פיעל ערגער ווי אַ בער, ווייל אַבער קאָן נור פאַרצערען דאָס פלייש פון מענשען, און דורך דיר קאָן מען פאַרלירען דיא נשמה.

בייא דיא לעטצטע ווערטער האָט זיך דיא טהיר געעפענט און מאַגדאַלענע איז אַרייַן אין חדר וויא אַהונגעריגע טיגערין, דיא „גוטע שוועסטער" איז באַלד דורך די טהיר אַנטלאָפען, און דיא מאַדאַם ליפּפּאַלד האָט אָנגעפאַנגען צו שרייען אויף איהם מיט צאָרען איך האָב אַליין געהערט—האָט זיא געשריען דאָס דוא האָסט די דינסט־מויד גערופען „נשמה", דוא בינסט דאָך אַ מכשף... דוא פאַרפלוכטער הונד... דוא האָסט דורך זיינע כישוף פאַרפיהרט דיא שופטים... דורך דיינע כישוף האָבען זייא דיר געגלויבט דאָס דוא בינסט אונשולדיג... דורך דיינע כישוף האָסט דוא זייא געצייגט דיינע ביכער דיא בכשפתע, וואָס איך ווייס דאָס זיי זיינען פאַלש און ליגען... מיט דיינע כישוף האָסט דו זייערע הערצער באַרויבט, זייערע אויגען בלינד געמאַכט.. דוא נידערטרעכטיגער מכשף.. דוא פאַרדינסט דאָך דעם טויט... דורך דיינע כישוף האָסט דו דאָס מעדכען פאַרפיהרט און איהר „נשמה" גערופען און ווען דיינע שופטים וואָלטען געוואוסט דאָס וואָס איך ווייס, וואָלטען זייא מיט דיר גאָר אַנדערע ווערטער גערעדט, זייא וואָלטען דיר ניט בעפרייט... דו וואָלסט שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט געוועזען, נור עס מוז אַ סוף נעהמען צו דיינע שלעכטע פאַלשע מעשים, עס וועט דיר מעהר ניט געשווינען ווערען דו מערדער, מכשף, דו פאַלשער שלעכטער מענש, דוא אויסוואורף!!! ...

שימפּפווערטען איז פאַראַן געווען, זיא האָט איהם געפלוכט אָהנע אויפהער, דיא גאַנצע תוכחה האָט זיא אויסגעגאָסען אויף איהם, זיא האָט איהם ניט געלאָזט אפילו זיך פאַרטיידיגען.

וויא די מרגלים האָבען נור געהערט איהרע ווערטער זיינען זיי באַלד געגאַנגען און האָבען דאָס ערצעהלט דיא שופטים, און די שופטים האָבען עס ערצעהלט דעם קעניג, האָט דער קעניג בעפאָהלען זיינע קנעכט: דאָס זייא זאָלען נעהמען געפאַנגען דעם ליפּפּאָלד׳ן, אין קייטען איהם שליססען הענד און פיס און איהם הערייַנוואַרפען אין אַ פינסטערען קעלער און מאָרגען זאָלען זיי איהם איבערגעבען צו קלוגע שופטים וואָס פאַרשטעהען וויא מען ברויך צו האַנדלען מיט אַ מכשף, זייא זאָללען אַלע מיטלען אַנווענדען דאָס ער זאָל זיך מודה זיין.

**דיא דינער האָבען באַלד ערפילט דעם קעניגס באַפעל און האָבען ליפּפּאָלד׳ן נעחאַפּט אין נעץ הערייַן.**

כא

## ד ע ר מ כ ש ף.

**עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע מענשען וואָס טהוען מעשים דעם אַן אַנ׳ענדרע און קיינעם אַרט עס גאָר ניט, און עס איז פאַראַן אונגליקליכע מענשען,**

חאטש זייא טהוען גאר נישט קיין שלעכטעס, נאר קוים האט איין שלעכטער מענש געזאגט א שלעכטען ווארט אויף איינעם פון זיי, גלויבען דאס אללע און זיינען מסכים דערצו זייא ווילען גאר ניט וויסען אויב דאס איז געזאגט געווארען מיט אן אמת, אדער מיט וואוטה, נאר א שלעכט ווארט, איז מסתמא אמת, דעם ווארט „מכשף" וואס מאגדעלענע האט נערופען איהר מאן, האבען דיא שופטים בעשטימט פאר ריכטיג און בייא זייא איז געבליבען גאנץ זיכער, דאס ליפפאלד איז באמת א מכשף און דאס איז נענוג פאר איהם דאס דיא שופטים זאלען איהם פרובירען מיט דעם פאלטער, אזא מאשינע וואס זיא קאן ריידענדיג מאכען א שטומען, דיא מאשינע האט צוזאמענגעדריקט די ביינער פון דיא הענד און פיס ביז די ביינער זיינען צוריבען געווארען און די שמערצען איז געוועזן שרעקליך.

אז ליפפאלד איז געלעגען אונטער דעם פאלטער און ער האט די יסורים ניט געקאנט ערטראגען, דענסטמאל האט ער געזאגט אלץ וויא דיא שופטים האבען גערוואלט, ער האט זיך מודה געוועזן אויף אזעלכע זינדע וואס ער האט קיין מאל ניט געטראכט צו טהון, ער האט זיך מודה געוועזן דאס דורך זיינע כישוף האט ער געפונען חן אין דעם געשטארבענעם קעניגס אויגען; ער האט זיך מודה געוועזן דאס ער האט דעם קעניג בעטראגען... ער האט בייא איהם גענגבת נעגזלת, בארויבט שטילערהייט דעם קעניגס פארמעגען, אלץ וואס ער האט געזאמעלט איז בייא איהם געבליבען, און חאטש די שופטים האבען געזעהען אין דיא ביכער דאס דער רעכנונג שטימט ריכטיג, פון דעסטוועגען האבען זייא איהם געגלויבט אזוי גוט וויא הונדערט עדות וואלטען אויך אזויא זאגען.

וויא דער תליון האט איהם אבגעלאזט פון פאלטער און ליפפאלד איז נור עטוואס בעפרייט געווארען פון זיינע הענד און דיא שופטים האבען איהם באפוילען צו איבער חזרן נאך אמאל זיינע רייד וואס ער האט גערעדט ליגענדיג אונטער דעם פאלטער, האט ער (ליפפאלד) אן אלץ געלייקענט און האט געזאגט: איך שווער ווי גאט לעבט און וויא איך לעב, דאס איך האב אויף מיינעם גאנצען לעבען ניט אויסגעשטרעקט מיין האנד צו גנבנן חלילה א חפץ וואס האט א ווערט אפילו נישט מעהר ווי א פעניג, אדער פארקעהרט מיליאנען טהאלער, איך בין ריין פון אלע זינדע וואס מען איז מיר חושד, איך וויים ניט און האב קיין מאל ניט געוואוסט וואס הייסט „כישוף", מיין רעליגיאן פארביטעט אונז יודען צו געברויכען כישוף, מיר טארען עס ניט טהון לויט געזעטצע, און מפרט איך אליין צווייפעל גאר אין גאנצען אויב עס עקסעסטירט גאר אויף דער וועלט אזא זאך וואס מען רופט דאס „כישוף", דיא בעסטע בעווייזע האט איהר דער פון: ווען איך וואלט געקאנט כישוף מאכען, וואלט איך מיך דאך בעפרייט פון די גרויסע יסורים וואס איהר טהוט מיך אן אוננערבארימליך.

וויא דיא שופטים האבען געהערט זיינע רייד זיינען זייא אויף איהם נאך מעהר אין כעס געווארען, און האבען בעפוילען דעם תליון דאס ער זאל ליפפאלד'ן נאך מעהר פייניגען, און דער תליון האט איהם געטהון אזעלכע יסורים, דאס ליפפאלד האט זיך מודה געוועזן אויף אזעלכע מעשים וואס אלע האבען געוואוסט דאס ער זאגט ליגען און פאלש, און נור מחמת יסורים רעדט ער אזעלכע זאכען וואס ניט געשטויגען, ניט געפרוינגען, אט למשל: ער האט געזאגט: דאס ער האט דיא גאלדענע קעטטע וואס דער קעניג האט איהם געגעבען ער זאל זיא צערשמעלצען און מאכען דער פון גאלדענע מעדאלען צו טהיילען זייא דיא בעאמטע צו נייא יאהר אלס עהרען צייכען פון קעניג צו זיי, אט דיא קעטטע—האט ליפפאלד געזאגט—האט ער גענאממען פאר זיך, און חאטש די שופטים האבען גוט געוואוסט דאס דיא מעדאללען זיינען ווירקליך צו טהיילט געווארען אונטער דיא בעאמטע אקוראט וויא דאס געוויכט פון די קעטטע, אלזא האט דאך ליפפאלד ניט גענגבת, און דאך האבען דיא שופטים דאס אויך אריינ-

נערעכענט אונטער זיינע חטאים, און האָבען איהם נעגלויבט דאָס ער האָט ווירקליך פון דיא קעטטע גאָלד נעגנבת, בכן איז ער אַ גנב און אַ בעטריגער און פאַרדינט גרויזאַם בעשטראָפט צו ווערען, כדי ער זאָלל זיין אַ ביישפּיל פיר אַנדערע מענשען דאָס יענע זאָלען שוין זיין עהרליכער....

## כב

## דער קעניגס מערדער

דיא ריכטער האָבען נעזעהען דאָס ליפּפּאָלד איז זיך מודה אויף פיעל זינדע, און דורך דעם פּאָלטער ערצעלהט ער פון זיך מעשים נוראים, שרעקליכע נידערטרעכטינע פאַרברעכערייען, אַזעלכע נאַרעשע און שווערע זינדע וואָס דער ערנסטער מענש וואָלט דאָס ניט נעטהון, זיינען דיא שופטים נעקאָממען צו דעם נעדאַנקען: דאָס זייא זאָלען איהם פרעגען מכח דעם קעניגס טויט, פיליכט האָט ער אין דעם אַ שטיקעל חלק אָדער אַזוי עפּעס אַ יד... ווייל אויף איהם איז אַלץ צו גלויבען, איז מעגליך דאָס ער האָט דעם קעניג נעטויטעט מיט זיינע הענד אָדער איהם ניפט איינגעגעבען צו שטאַרבען, נור אַזוי וויא דיא שופטים האָבען גוט נעוואוסט דאָס ליפּפּאָלד ווערט זיך אויף אַזאַ רציחה ניט ווערען מודה זיין, האָבען זייא איהם אַזוי פיעל נעפּייניגט, אַזוי פיעל יסורים נעמאַכט, דאָס ער האָט זיך מודה געווען: דאָס ער האָט דעם קעניג פאַרניפטעט, און דיא שופטים האָבען איהם דאן פאַרמשפּט צום טויט.

## כג

## ליפּפאלדס טויט.

נאָך עטליכע מאָל האָבען דיא שופטים נעפּרובירט באַפעלען דעם תלין „באַרצער" דאָס ער זאָל ליפּפּאָלד'ס ביינדלעך פּרובירען נוט אויסקנאַקען, און יעדעס מאָל האָט ליפּפּאָלד גע־עדט פון היטץ נאָך בעסער וויא דיא שופטים האָבען נעוואונשען דענסטמאָל האָבען זייא דעם טאָדטעס אורטהייל זיינעם באַשטעטינט און באַשטימט: דאָס ער זאָל געטעדטעט ווערען דורך דעם געוויסען ראָד וואָס ער איז נעווען בעוואוסט אין יענער צייט.

דיא געשיכטע שרייבער פון קעלען האָבען געשריבען דעם 28טען יאַנוואר 1573 דאָס מען האָט דעם ליפּפּאָלדן זיין פלייש צו שניטען אויף פיר טהייל, נור פריער האָט מען איהם זיין פלייש נעריסען מיט הייסע צוואַנגען, נאַכהער האָט מען איהם נעקייקעלט מיט דעם ראָד פון אונטען אַרויף און מען האָט איהם ענדליך צו שניטען אויף 4 טהייל און יעדער טהייל האָט מען אויפגעהאַנגען אויף אַ טויער פון שטאָדט כדי זייא זאָללען הייננען פון אללע פיר עקקען פון שטאָדט, זיינע נעדערים און דיא גאַנצע איננערליכע מיט זיינע רעכענביכער האָט מען פאַרברענט, ווייל זייא האָבען נעגלויבט דאָס ער האָט זייא דורך כישוף געשריבען...

פון יענעם אָרט וואו מען האָט זיינע געדערים מיט זיינע רעכענביכער פאַרברענט איז אַרויסגעלאָפען אַ מויז, האָבען זיי אַלע נעגלויבט דאָס דער שד וואָס ער איז געזעסען בייא ליפּפּאָלדן אין הערצען, האָט ניט געוואָלט פאַרברענט ווערען, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מויז און איז אַנטלאָפען נעוואָרען.... אָט אַזויא זיינען זייא דענסטמאָל נעווען פאַרשטעלט מיט אַ פינסטערע מאַסקע, באַצוגען זייערע פּנים'ער מיט אַ דיקקען וואָלקען, זייא האָבען נעגלויבט אין אַלע נאַרעשקייט, דיא גרעסטע פאַנאַטיזמוס האָט באַדעקט דאס גאַנצע לאַנדבראַנדענבורג, פון קלענסטען ביז דעם גרעסטען האָבען נעגלויבט אין פיעל אונמעגליכעס וואס היינט אין אונזערע צייטען קאָנען וויר זיך דאָס גאָר ניט פאַרשטעלען.

א דיא פאַנאַטיזם! וויא פיעל אונשולדיגע קרבנות האבען דיא נאַרעשע מענשען מקריב נעווען אויף איהר מזבח, וויא פיעל אונשולדיגע מענשען האבען זיך

נעקוואָלען, יסורים געליטען, דאָס דער טויט איז געוועזן פאַר זייא דיא בעסטע רעט־טונג האָט ליפּפּאָלד ענדליך געפונען, דיא שופטים האָט נור איין זאַך פאַררוּאָסען פאַר וואָס זייא קאָנען איהם ניט מאַכען נאָך אמאָל לעבדיג, ווייל זייא האָבען פיעל פערגניגען געהאַט צו זעהען וויא ליפּפּאָלד דער שטאָלצער מיניסטער ליגט בייא זייא אין דיא הענד און ביטעט רחמים ותחנונים, און זיי פרייען זיך אויף זיין מפּלה, זיי האָבען זיך עראינערט אָן דיא אַלטע צייטען וויא ליפּפּאָלד האָט געגען זייא שטאָל־צירט, נור דער טויט איז א ענדע צו אַלע צרות.—.

ליפּפּאָלד'ס גאַנצע פּאַרמעגען האָט דיא רעגירונג צו גענאָממען, דער נייער קעניג האָט געזאָגט, דאָס דער משפּט זיינער האָט אַזויא פּיעל געלד נעקאָסט וויא פּיעל זיין איינענס באַטרעפט, נור טויזענד טהאַלער האָט דער קעניג גענעבען דיא מאַדאַם מאַגדעלענע ליפּפּאָלד.

## כד
## דיא אונפאַרשעמטע פרויא.

הרנענען א מענשען און נאַכהער איהם ירשנען איז צו פיעל גרויזאַם, דאַרום האָט פרוי ליפּפּאָלד פּערלאַנגט דאָס איהר מאַנס פּאַרמעגען זאָל מען איהר אָבגעבען, נור אַזוי ווי זיא האָט געוואוסט דאָס דער קעניג וועט דאָס ניט טהון, איז זיא געלאָפען צו דעם קיסר מאַקס, זיא איז געפאַלען איהם צו זיינע פיס, זיא האָט געוויינט, גע־קלאָגט, געביטען רחמים: דאָס ער זאָל אויף איהר רחמנות האָבען און געבען איהר איין עמפּפעלונג צו דעם בראַנדענבורגער קעניג, ביטען איהם אין דעם בריף דאָס ער זאָל איהר אָבגעבען איהר מאַנס פּאַרמעגען, דער קייזער איז געוועזן א גוטער מענש. האָט ער איהר ביטע ערפילט, און געשריבען א בריף צו דעם בראַנדענבורגער קעניג איהם געביטען אין דעם נאָמען פון רחמים חסד און יושר דאָס ער זאָל די אָרעמע פרוי ניט עולין, ניט באַרויבען, און אז ליפּפּאָלד האָט געזינדיגט—האָט דער קייזער געזאָגט אין דעם בריף—וואָס איז זיא שולדיג?

דער קעניג האָט געאַנטוואָרט דעם קייזער: דאָס ער וויל גאָר ניט ריידען פון דעם גאַנצען געשעפט, ווייל זיא איז א גרויסע נידערטרעכטיגע און איינע אונפאַרשעמטע פרוי, זיא האָט שרעקליכע פאַרשטאָכענע אוינען אַזעלכעס צו פערלאַנגען, און אַללע האָבען איינגעשטימט דאָס זיא איז איינע אונפאַרשעמטע נידערטרעכטיגע פרויא.

## כה
## יודישער מזל.

יודען בככל האָבען שוין אַזא מזל: ווען איינער זינדיגט, ווערן אַלע בעשטראָפט, פון דער צייט וואָס זיי זיינען א פאָלק געוואָרען האָט זיי שוין פיעל מאָל דיא זעלבע זאַך געטראָפען, און דער זעלבער אונגליק איז אויך אין בראַנדענבורג געוועזן, דעם בעכער פאַרגיפטעטע וויין וואָס ליפּפּאָלד האָט געטרונקען האָט ער נאָך איבערגע־לאָזען פיר זיין געמיינדע אויך, דיא יודען וואָס זיינען אהין געקאָממען אין יאָאַכים דעם צווייטען'ס צייטען, האָבען געמוסט נאַכהער פערלאַסען דאָס לאַנד, דען דער נייער קע־ניג האָט זיין באַפעל געגעבען: דאָס אַללע יודען וואָס געפינען זיך אין בראַנדענבורג מוזען אין 24 שטונדען פערלאַסען דאָס גאַנצע לאַנד אהנע ערבאַרמונג, אַלע יודען אויף איין מאָל אהנע אויסנאַהמע מוזען אויסוואַנדער'ן פון גאַנץ בראַנדענבורג.

אין דעם באַפעל איז אַזוי געווען געשריבען: די יודען זיינען פּראַצענטניקעס, און דעם קעניג לוינט ניט זייא צו ערלויבען וואַהנען אין זיין לאַנד.

דעם באַפעל קאָן יעדער מענש לעזען, ער ליגט עד היום אין דעם ארחיוו אין דער שטאַדט קעלען.

אַך! וויא פיעל ברויכען מיר יודען היינט גאָט דאַנקען וואָס ער איז משנה עתים ומחליף את הזמנים.

ע נ ד ע